יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 172 | Łódź, Sroda, 26 lipca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ג' מנחם אב תרצ"ג | № 172

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

ענגלאנד אלארמירט

וועגען די לופט-בעוואפנונגען פון דייטשלאנד

לאנדאן, 25 (ספ. טעל.)

זינט עטליכע טעג ווערט אין די ערנסטע ענגלישע צייטונגען פיל געשריבען וועגען די בעוואפנונגען פון דייטשלאנד, בפרט די לופט-בעוואפנונגען. און עס ווערט אנגעוויזען אויף דער טעטיגקייט פון לופט-מיניסטער גערינג, וואס איז אין סתירה מיט'ן ווערסאילער טראקטאט.

די פרעסע-אלארמען האבען אויך געצוואונגען די ענגלישע רעגירונג צו פארנעהמען זיך מיט דעם ענין.

אויסגעדריקט האט זיך עס אין דער פארם פון א דעמארשע, וואס דער אמבאסאדאר ניוטאן האט דורכגעפיהרט אין'ם בערלינער אמט פאר אויסערן-ענינים, אנווייזענדיג, אז לויט'ן ווערסאילער טראקטאט האט דייטשלאנד דאס רעכט צו פארמאגען בלויז פאסאזשיר-עראפלאנען. דאס שאפען א לופט-פלאט פאר פאליציי-צוועקען, וואס עס פלאנט דער מיג. גערינג, בעדייט דאסזעלבע, ווי דאס שאפען מיליטערישע לופט-פליהעריי און דערמיט ווערט פארגוואלטיגט דער ווערסאילער טראקטאט.

די דירעקטע סיבה פונ'ם דעמארשע איז געווען דאס בעשטעלען דורכ'ן מיג. גערינג ביי דער ענגלישער פאבריק „ערקראפט קאמפ." 40 מיליטער-עראפלאנען. די דאזיגע בעשטעלונג, אלס א מיליטערישע, נויטיגט זיך אין א רעגירונגס-דערלויבניש. אויפ'ן פארשלאג פונ'ם וויצע-פרעמיער באלדווין איז די דערלויבניש נישט געגעבען געווארען.

דאן האט זיך גערינג אנגעהויבען צו דינגען מיט'ן ענגלישן אמבאסאדאר ניוטאן, אנווייזענדיג, אז אויב ענגלאנד האט צוגעשטעלט פאליציי-עראפלאנען פאר עסטרייך, מעג דאך דייטשלאנד אויך האבען דאס זעלבע רעכט. גערינג האט לסוף אפילו דערקלערט, אז דייטשלאנד איז גרייט צו בעצאהלען יעדען פרייז פאר די עראפלאנען.

בעת דעם נעכטיגן דעמארשע האט דער אמבאסאדאר ניוטאן קודם כל אפעלירט די מעשה מיט די צוגעשטעלטע עראפלאנען פאר עסטרייך, און קאטעגאריש דערקלערט, אז די ענגלישע רעגירונג איז געגען דעם, אז דייטשלאנד זאל האבען א פאליציייאישען לופט-פלאט, מחמת דאס וועט זיין נישט לעגאל.

קאנפראנטאציע פון דער פרוי ארלאזאראוו מיט'ן ארעסטירטען צבי ראזענבלאט

ירושלים, 25 (טעלעגראפיש)

עס איז פארגעקומען א קאנפראנטאציע צווישען ארעסטירטען צבי ראזענבלאט מיט דער אלמנה פון ערמארדעטען ד"ר חיים ארלאזאראוו.

די אלמנה האט דערקלעהרט, אז ראזענבלאט איז ענליך צו איינעם פון די מערדער.

דער רעזולטאט פון דער קאנפראנטאציע איז נ... בעקאנט.

„ציוניסטישע פערשווערונגס-ארגאניזאציע"

די ארעסטירטע רעוויזיאניסטען בלייבען אין ארעסט צוויי וואכען

ירושלים, יט"א טעלעג..)

פאר'ן אויספארשונגס-ריכטער אין יפו זיינען געשטעלט געווארען די 12 ארעסטירטע רעוויזיאניסטען.

דער פארשטעהער פון דער פראקוראטור האט דערקלעהרט, אז ער בעשולדיגט זיי אלס ציוניסטישע פערשווערונגס-ארגאניזאציע.

עס איז אנגענומען געווארען דער פארשלאג פון אויספארשונגס-ריכטער זיי זאלען בלייבען אין ארעסט 2 וואכען.

ירושלים, יט"א טעלעג..)

פאר'ן אויספארשונגס-ריכטער אין ירושלים זענען געשטאנען 2 ארעסטירטע רעוויזיאניסטען, ווערמעגנס ארעסט איז אויך פערלענגערט געווארען אויף 2 וואכען.

א נייע געזעצע וועגען בעגרעניצען דעם ערד-פערקויף אין ארץ-ישראל

ירושלים, יט"א טעלעג..)

די א"י-רעגירונג האט פערעפענטליכט א קאר-מוניקאט דאס עס ווערט פערעפענטליכט א ביי צונג פון ערד-פערקויף.

געזעץ וועגען פערטיידיגען לאנד-ארבייטער.

דאס נייע געזעץ זעהט אויך פאר א בעגרעניצונג פון ערד-פערקויף.

ווייטערדיגע וואהל-רעזולטאטען צום 18. ציוניסטישען קאנגרעס

ווארשא, 25 (טעלעפאניש)

עס זענען פערעפענטליכט געווארען די וואהל-רעזולטאטען פון 170 שטעט:

ליסטע 1 — 15,084.
ליסטען 2 — 1,486.
ליסטע 3 — 17,491
ליסטע 4 — 2,844
ליסטע 5 — 41,175
ליסטע 6 — 22,351
ליסטע 7 — אנ'ערה 2,800.

צי וועט דאלאדיע פאהרען קיין רוים?

פאריז, 25 (ספ. טעל.)

לויט ידיעות, וואס זענען אנגעקומען פון רוים, זאל דער פראנצויזישער פרעמיער דאלאדיע אנקומען קיין רוים און זיך בעגעגענען מיט מוסאליני ערשט אין סעפטעמבער.

דער דאלאר — 6.27

ווארשא, 25 (טעלעפאניש)

אין פריוואט פערקעהר איז דער דאלער געוואס שארפער געווארען ב. 6,34 ביי אויך א שוואכער אינטערנאציאנאלער בערעכענונג — ביי 6,41.

מחמת'ן מאנגעל אין מאטעריאל האט די באנק פאלסקי" געהויבען דעם פרייז פון געקויפטען דאלער אויף 2 גראשען, ד. ה. ביז 6.27.

ענגלישער פונט — שטארקער

„תומכי אורחים"
לאדז,
18 פאמארסקא 18

זונטאג, דעם 30-טען יולי, 3 א זייגער נאכמיטאג
ווערט איינגעארדענט דורך דעם הילפס-פעראיין
„תומכי אורחים"

פארק העלענאוו

א גרויסער גארטען-פעסט

מיט אן איבעראשענד רייך פראגראם, וואס לאדז האט נאך נישט בעוויזען צו זעהן

נאר 1 מאל!!! — איטאליענישע קינסטלער אין לאדז — די וואונדער פון XX יאהרהונדערט — נאר 1 מאל!!!

דער וועלט-בעריהמטער אילוזיאניסט און צויבער-קינסטלער פון איטאליען סיגניאר פאנעטטי און מיס פאני וועלען אויפטרעטען מיט אויסערגעוועהנליכע מאגנעטישע און היפנאטישע קונסטשטיקן צוו. צנד. „דער מענש אין דער לופט" אין גאנץ איראפע טרעטען די קינסטלער אויף ביי אויספערקויפטע צירק און ספארט-פלעצער.

ארטיסטישע אויפטריטען פון 1) די בעליבטע סוברעטין נינא ניעוווסקא. 2) דער גוט-בעקאנטער פויליש-יודישער בופקאמיקער יעזשי לענסקי אין א נייעסטען רעפערטואר. 3) דער בעוואוסטער הומאריסט משה גאלדבערג וועט זינגען פערשידענע יודישע לידער און נייעסטע קופלעטען.

סימפאנישער קאנצערט פון 40 מאן אונטער דער אנפ. פון פראפ. טעאדאר רידער.— פאנטאזיע לאטעריע פון 2000 ווערטפולע פרעמיען צוו. אנד. צו געווינען 2 ראווערען, 1 ראדיא, לעבעדיגע פויגל, פערשידענע סחורות אויף אנציגער און בלוזען-שטאפען.

10.30 אווענד איבער'ן וואסער ראקעטען און בענגאליש פייער. שיס-בודעס, קארוזעלע, דאנסינג, לודקעס און קאנפעטי.

דער בעריהמטער חזן וואלף זשעמבינסקי וועט זינגען אייניגע רעליגיעזע און יודישע פאלקס-לידער.

יעדעס קינד בעקומט ביים איינגאנג אין גארטען א פריז. בילעטען פאר דערוואקסענע 1 זל., פאר קינדער 54 גראשען איז צו בעקומען זונטאג פון 2 א זייגער אין קאסע פון העלענאוו

Dr.
F. KLOZENBERG
נערוועז-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
וואוינט איצט נארוטאוויטשא 37,
טעל. 105-53.

Dr. med.
Haltrecht
ספעציאל-ארצט פאר הויט-און געשלעכטס-קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
צוריקגעקעהרט
נעמט אן פון 8—11 פריה, פון 1—2 מיטאג און פון 5—9 אוונט. זונטאג פון 10—1 בייטאג
אלע ארט אנאליזען.
פאר ארבייטסלאזע לעמשניצע-פרייזן

איינקויף
פון גאלד זילבער בריליאנטען
בריליאנטען
און לאמבארד-קוויטען צו די אלערהעכסטע פרייזען בעוויסענהאפטע בעדינונג.
I. SOŁOWEJCZYK
פיעטרקאווער 27
(פריער שרודמיעסקא 5)

פאר
גאלד, בריליאנטען
און לאמבארד-קוויטעם
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

וויכטיג פאר דער ארימער לאדזער בעפעלקערונג
דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז ס'איז ערעפענט געווארען דאס
אמבולאטאריום
ביים פעראיין „מלבוש ערומים"
שענקיעוויטשא 3/5,
וואו ס'ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ'ן ארט. שיקט אויך ארויס דאקטוירים-ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים
נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט אנאליזען. מינימאלע אבצאהלונגען.
די פערוואלטונג.

אונזער געעהרטען פערוואלטונגס-מיטגליד

ה' יעקב שטערן

צוליב דעם טויט פון זיין פאטער, אונזער לאנגיעהריגען מיטגליד

אהרן מענדעל נ"ע

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען ביילייד מיט די טראדיציאנעלע ברכה מן המקום ינחם אותו בתשא"צ וירושלים.

די פערוואלטונג און דירעקציע

פון צענטראלען סוחרים- און פאבריקאנטען-פערבאנד

3904 אויף לאדזער וואיעוואודזטווע אין לאדז (פעטריקאווער 10).

זשאַבאָטינסקי ליגט פאַר גראָסמאַנען

אַ געמיינזאַמע קאָנפערענץ, און גראָסמאַן גייט דערויף נישט איין

וואַרשאַ, 25 (טעלעפאָניש)

זשאַבאָטינסקי האָט זיך געווענדעט צו גראָסמאַנען מיט אַ פאָרשלאָג צו אָפּהאַלטען אַ געמיינזאַמע קאָנפערענץ ערב דעם 18־טען ציוניסטישען קאָנגרעס.

גראָסמאַן האָט געענטפערט אַז דערווייל איז אַזאַ געמיינזאַמע קאָנפערענץ אוממעגליך.

לינדבערג רעזיגנירט
פון צו פליהען איבערן אַטלאַנטיס קיין אייראָפּא

לאָנדאָן, 25 (ספּ. טעל.)

פּולק. דונדבערג, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין פרוי ארויסגעפלויגען פון לאַבראַדאָר, האָט עהערגעכטען אויסגעלאַנדעט אין גאָטהאָם אויף גרינלאַנד.

ער האָט דערקלערט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פונם געדאַנק צו פליהען ווייטער קיין אייראָפּא, מחמת די אומגינסטיגע בעדינגונגען אויפן צפון־אַטלאַנטיק, וואָס הערשען אין דער איצטיגער צייט.

אַ דונער האָט אריינגעטראָפען אין אַנ'ארקעסטער

בוקאַרעשט, 25 (ספּ. טעל.)

אין דער שטאָט טולטשא האָט אַ דונער אריינגעטראָפען אין אַ מיליטער־אָרקעסטער, וועלכער האָט בעת מעשה געגעבען אַ קאָנצערט אויף דעם דאָרטיגען פּראָמענאַד.

צוויי מוזיקאַנטען זענען דער'הרג'עט געוואָרען אויפן אָרט, און איינינע זענען אָפּגעבריהט געוואָרען.

ארויסגעצויגען פון ים אַ טויטע פּאַסאַזשירקע

אַטען, 25 (ספּ. טעל.)

אַ גריכישע אויספלוג־שיף האָט נישט ווייט פון מזרח־ברעג פון דעם אינזעל עיגין ארויסגעצויגען דעם טויטען קערפּער פון אַ יונגער עלעגאַנטער פרוי.

מען איז זיך משער, אַז זי איז איינע פון די צוויי איטאַליענערינס פון׳ם פערשוו... ענעם הידראָפּלאַן „אע־אעס פרעסא״.

דער טויטער קערפּער איז שטאַרק דעפאָרמירט און טראָגט סמנים פון וואונדען.

עס איז קיין ספק נישט אַז דער הידראָפּלאַן גופא איז דערטרונקען געוואָרן.

100,000 הינדוסען
אויף דער לוויה פון קאַלקוטער בירגערמייסטער

לאָנדאָן, 25 (ספּ. טעל.)

דער נעכטיגער טאָג איז אַדורך אין קאַלקוטאַ אונטערן צייכען פון גרויסע אַנטי־ענגלישע דעמאָנסטראַציעס אין שייכות מיט דער לוויה פון סען־גופּטאַ, דעם בירגערמייסטער פון קאַלקוטאַ אין־געוו. אדיוטאַנט פון גאַנדי׳ן.

צו דער לוויה פונם פּאָפּולערען בירגערמייסטער זענען געקומען אַנ׳ערך הונדערט טויזענט הינדוסען; און זי האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ ריזיגער פרייהייטס־מאַניפעסטאַציע.

אַמעריקאַנער דעלעגאַט, הול
וועט פאָדערן, אַז די עקאָנאָמישע קאָנפערענץ זאָל אָפּגעלייגט ווערען אויפן 1 נאָוועמבער

לאָנדאָן, 25 (ספּ. טעל.)

אויף דער דאָנערשטאָג׳דיגער זיצונג פון דער עקאָנאָמישער קאָנפערענץ וועט דער אַמעריקאַנישער דעלעגאַט, הול, פאָדערן, אַז די קאָנפערענץ זאָל אָפּגעלייגט ווערען מיטן טערמין פון צוזאַמענרופען זי אויפסניי פאַר דעם 1 נאָוועמבער.

לויט זיין מיינונג וועט דאָס איבעררייסען די קאָנפערענץ און דעם בעשטימען אַ נייעם טערמין. מאַכען דעם שלעכטסטען איינדרוק.

שפּאַניען אויף אַ ווואולקאַן
ליקווידירט די מאַנאַרכיסטישע פערשווערונג

מאַדריד, 25 (ספּ. טעל.)

די גאַנצע היינטיגע נאַכט האָט די פּאָליציי אין מאַדריד און גאַנץ שפּאַניע אַדורכגעפיהרט אַרעסטען און רעוויזיעס אין די וואוינונגען פון פּערזאָנען, וואָס זענען פערדעכטיג אין ראָיאַליסטישע שטימונגען.

בלויז אין מאַדריד זענען אַרעסטירט געוואָרען 110 פּערזאָן.

דער פּערגעהם פון דער פערשווערונג, וואָס איהר ציל איז געווען ארויסצורופען אומרוהען און דערקלערען אַנ'אויפשטאַנד נאָכ'ן אורטייל אין׳ם פּראָצעס פון גען. קאַוואַלקאַנטי — זענען נישט פעסטגעשטעלט.

אַ סברא, אַז די מאַכט איז געוואָרענט געוואָרען וועגען די כוונות פון די פערשווערער, ווייל זינטער שבת נאָך האָט מען פערשטאַרקט די פּאָליציי פון מיליטער־אָפּטיילונגען אין די עפענטליכע געביידעס פון אַלע שפּאַנישע שטעט.

איינגעפאַלען אַ הויז אין ווילנע

ווילנאַ, 25 (טעלעפאָניש)

בעת דעם שטורעם, וואָס האָט נעכטען געבושעוועט איבער דער שטאָט און דעם וואָלקענבראָך, זענען די נידעריגע טיילען פון דער שטאָט פערפלייצט געוואָרן מיט וואַסער.

אויף ווילקאָמירסקאַ גאַס איז איינגעפאַלען אַ הויז, וואָס איז אונטערגעשווענקט געוואָרען פונם וואַסער.

לכתחילה איז איינגעפאַלען איין וואַנד.

די שכנים זענען געקומען צו הילף די לאָקאַטאָרען.

ווען אַלע זענען שוין געווען אינדרויסען, איז דאָס הויז אינגאַנצען איינגעפאַלען.

איטאַליענישע לופט־עסקאַדרע אָפּגעפלויגען פון ניו־יאָרק

ניו־יאָרק, 25 (ספּ. טעל.)

די איטאַליענישע עסקאַדרע בראש מיטן גען. באַלבאָ איז צוריק אָפּגעפלויגען, ווענדענדיג זיך צו ניו־ברונשוויג.

ניו־יאָרק, 25 (ספּ. טעל.)

דאָ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די איטאַליענישע עסקאַדרע – אויף די וואַסערן פון ניו־ברונשוויג.

פערבאָט צו אַרויסשיקען געלד פון דייטשלאַנד

בערלין, 25 (ספּ. טעל.)

אויפן יסוד פונם רעגלאַמענטאַציע־דעקרעט פון דעוויזען, איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ נייע פעראָרדנונג, לויט וועלכער עס ווערט פערוואָהרט אַרויסצושיקען געלד קיין אויסלאַנד פאַר פּערזאָנען, וואָס האָבען עמיגרירט נאָכן 3 אויגוסט 1931.

נייע מאַסען־אַרעסטען אין דייטשלאַנד

בערלין, 25 (ספּ. טעל.)

דער פערלויף פון דער היינטיגער אַבלאַווע אין גאַנץ דייטשלאַנד איז, לויט'ן אָפיציעלען קאָמוניקאַט מיט גאַרנישט געשטערט געוואָרען.

עס זענען דער־עיקר אַרעסטירט געוואָרען קאָמוניסטישע טוער און פּאָליטיש פערדעכטיגע פּערזאָנען.

אין דאָרטמונד זענען אויפגעלעזט געוואָרען 30 געזאַנגס־פעראיינען, אַלס פּאָליטיש־פערדעכטיגע.

בכלל זענען אויפ'ן שטח פון גאַנץ דייטשלאַנד היינט אַרעסטירט געוואָרען אַנ'ערך 2,000 מאַן פון אַנדערע פּאָליטישע איבערצייגונגען.

פּאַריז, 25 (ספּ. טעל.)

„דויטשע פרייהייט", וואָס ערשיינט אין סאַאַרבריקען גיט אָן:

נעכטען אין אָוונט איז אַ לאַסט־אויטאָ מיט בעוואָפענטע היטלעריסטען אַריבערגעפאָהרען די גרעניץ פון סאַאַר, און זיך אָפּגעשטעלט אין האָמבורג פאַר אַ געוויסען הויז, און אוועקגעפיהרט פון דאָרט 3 פּערזאָן — דעם בעקאַנטען קאָמוניסטישען טוער יען און אַ געוויסע פרוי צוזאַמען מיט איהר זוהן. דערנאָך איז דאָס אויטאָ צוריקגעפאָהרען און נישט ווענדענדיג די אויפמערקזאַמקייט פון דער וואַך צוריק איבער די גרעניץ.

בערלין, 25 (ספּ. טעל.)

די טירינגענער רעגירונג האָט בעפוילען צו אַרעסטירען די פרוי און טאָכטער פונ׳ם לאַנגגע־ווענעם בירגערמייסטער, וואָרק, וועלכער געפינט זיך איצט אין טשעכיש פּראָג.

דער אַרעסט איז דורכגעפיהרט געוואָרען דערפאַר, וואָס וואָרק האָט פערשפּרייט אין אויסלאַנד קלאַנגען, אַז ער איז אין דייטשלאַנד שלעכט בעהאַנדעלט געוואָרען.

שיק־היטלערמען ר"ל...
אַלץ וועט מוזען זיין „עכט דויטשיש"

לאָנדאָן, 25 (ספּ. טעל.)

„זונדעי דיספּעטש" האָט פערעפענטליכט אַנ'אינטערוויאו מיט׳ן לייטער פון דייטשען מאָדע־אַמט, האָרסט.

דער דייטשער מאָדע־דיקטאַטאָר האָט דערקלעהרט, אַז אין משך פון דריי יאָהר וועלען אַלע פראַנצויזישע מאָדעלען אַרויסגעשטויסען ווערען פון דער דייטשער מאָדע. אין די מאַגאַזינען וועט מען פערקויפען קליידער בלויז פון דייטשען מין. קיין צוואַנג וועט, אמת, נישט זיין, אָבער די, וואָס פלעגען טראָגען פראַנצויזישע פאַסאָנען וועלען האָבען גרויס עגמת נפש...

אין דער צוקונפט וועט די אינטערנאַציאָנאַלע פרויען־וועלט קומען צו פאָהרען קיין בערלין קויפען זיך קליידער.

די יודישע פירמעס, וועלכע האָבען לעת עתה פערקויפט פראַנצויזישע מאָדעלען, וועלען קאָנען ווייטער עקזיסטירען, בתנאי, אויב זיי וועלען איבעררייסען מיט פּאַריז, און וועלען בעשעפטיגען בלויז דייטשע צייכענער.

צווייטע וועלט־קאָנפערענץ פון וועלט־פערבאַנד פון די אַלגעמיינע ציוניסטען

קראָקאָ. (יט"א) די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ פון פערבאַנד פון די אַלגעמיינע ציוניסטען וועט פאָרקומען אין פּראָג פון 18־טען ביז'ן 21־טען אויגוסט מיט רעפעראַטען וועלען אויף דער קאָנפערענץ אַרויסטרעטען פּראָפ. בראָדעצקי און עמנואל נוימאַן (וועגען דער נויטיגער לאַגע אין ציוניזם) און ד"ר מאָסינסאָן, מאָריס ראָטענבערג, ד"ר רופּאַליזען, ד"ר שמאָראַק און ד"ר שוואַרצבאַרד (וועגען דער שטעלונג פון פערבאַנד צו די פּראָבלעמען פון ציוניסטישען קאָנגרעס). דער אַדרעס פון קאָנפערענץ־ביוראָ, וואָס וועט זיין טעטיג פון 10־טען אויגוסט, איז: ביוראָ פון 18־טען ציוניסטישען קאָנגרעס פאַר'ן סעקרעטאַריאַט פון דער קאָנפערענץ פון אַלגעמיינע ציוניסטען, פּראַהאַ, 1 צעלעטנאַ־אול, 31. אין דער צייט פון קאָנגרעס וועלען אויך פאָרקומען קאָנפערענצען פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער חלוצישער און אַקאַדעמישער יוגענד.

צוטריט פון פּוילען צום שוואַרצען ים

ריגע, 25 (ספּ. טעל.)

לויט ווי מען איז מודיע פון מאָסקווע, האָט ליטווינאָוו בדעה בקרוב צו זיין אין בוקאַרעשט, בכדי בשותפות מיט דער רומענישער רעגירונג אַדורכצוריידען די מעגליכקייט פון אויסגראָבען אַ קאַנאַל, וואָס זאָל פעראייניגען די ווייסעל, דעם פּרוט און דעם דניעסטער, און וואָס זאָל געבען פּוילען אַנ'אומדירעקטען צוטריט צום שוואַרצען ים.

אַ פּחד צו פאָהרען דורך דייטשלאַנד
אַלע אַדורכפאָהרער ווערען רעווידירט

בערלין, 25 (ספּ. טעל.)

די אייזנבאַהנער פון דייטשלאַנד און די פרעמדע לענדער, וואָס פאָהרען אַדורך דייטשלאַנד האָבען היינט אָנגעטראָפען אויף אַנ'אומאַנגענעהמען סורפּריז.

אויף דער פאַראָרדנונג פון דער געהיים־פּאָליציי זענען 12 ביטאָג אין אַלע באַהנען פון גאַנץ דייטשלאַנד אָנגעקומען פּאָליציי־פּאַטרולען, אָדער שטורמיסטען, בכדי אויסצולעגיטימירען אַלע פּאַסאַזשירען און אויסצופאָרשען, צי עס געפינען זיך נישט צווישען זיי פערדעכטיגע, וואָס זענען „פיינדליך לגבי דער מלוכה".

די זעלבע אַקציע איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען אויף אַלע דייטשע שאָסעען.

די פערדאַכטיגע, וועלכע זענען נישט געווען ביכולת אויסצולעגיטימירען זיך, אָדער זענען סתם געווען פערדעכטיג זענען אָפּגעפיהרט געוואָרען אין אַרעסט.

עס זאָל זיך קודם כל האַנדלען וועגען דעם „כאָפּען" קוריערען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס פיהרט לעצטענס אַ שטאַרקע טעטיגקייט.

דער מלוכה־פּרעזידענט צוריק־געקומען קיין וואַרשאַ

וואַרשאַ, 25 (טעלעפאָניש)

היינט איז נאָך 3 וואָכען פערבראַכט ביים ים, צוריקגעקומען קיין וואַרשאַ דער מלוכה־פּרעזידענט.

ביי טאָג איז ער אַרויסגעפאָהרען אויף זיין זומער־רעזידענץ אין ספּאַלע.

פערמשפּט אַ בעוואוסטען אַנטיסעמיטישען פיהרער אין רומעניע

טשערנאָוויץ. (יט"א) דער פּאַרויצער פון דער קוזיסטישער פּאַרטיי אין בוקאָווינע דער טויעריג־בעריהמטער אַנטיסעמיטישער פיהרער אַווו. מאַראַרעסקו איז פערמשפּט געוואָרען צו 15 טעג תפיסה און האָט פערלוירען דאָס רעכט זיך צו בעשעפטיגען מיט אַדוואָקאַטור.

טעאַטער „סקאַלאַ'

נאָר 10 גאַסטראָלען!

מ. ווינדער פּרעזענטירט דעם ראָמאַנטישן שוישפּילער, דעם קעניג פון דער יודישער אָפּערעטע

מיכאל
מיכאַלעסקאָ

צוזאַמען מיט דער אַמעריקאַנער פּרימאַ־דאָנע, דער נאַכטיגאַל פון דער יוד. ביהנע

בעטי סימאָנאָוו

היינט, מיטוואָך, 9 אָוונט

נידער מיט דעם וויינען!
זאָל לעבן די אָפּערעטע!
לאַכען! / זינגען! / טאַנצען!

די גרויסע אַמעריקאַנער אַטראַקציע דער

רעצטער טאַנץ

העכסט־מוזיקאַלישע און פּילפּאַרבינע אָפּערעטן־שפּיל אין 3 אַקטן, 6 בילדער פון י. פרידמאַן,
מוזיק: אַלעקס אָלשאַניעצקי.
רעזשי: מיכאַל מיכאַלעסקאָ.

אויסער דעם אַנסאַמבל פון „סקאַלאַ"־טעאַטער איז ספּעציעל אַנגאַזשירט געוואָרען די גוט־בעליבטע אַרטיסטען: אַבראַהם מאָרעק, יוסף סטרוגאַטש און אָלאַ שליוסאַוויטש.

בילעטן צו בעקומען אין קאַסע פון סקאַלאַ.

אונזער „סאָלידאַריטעט", מ'שטיינס געזאָגט

מען האָט אונז אויף דער גרויסער וועלט פאַרשריען אַלס אַ פאָלק, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט דעם שטאַרקען געפיהל פון סאָלידאַריטעט, מען האָט אונז געשטעלט אַלס אַ מוסטער פאַר אַנדערע פעלקער, בעזונדערס פלעגען אויף דעם דאָזיגען פּונקט אַרויספאַהרען די אַנטיסעמיטען פון אַלע לענדער, כדי אָפּצושרעקען די אייגענע מתנה פאַר דער יודישער געפאַהר.

און מען האָט אַזוי לאַנג געפּויקט וועגען דער יודישער סאָלידאַריטעט ביז מאַנכע פון אונז האָבען ווירקליך אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז די יאָרדיגע מעשה איז אַן אמת. אָבער גיך האָט זיך דערפון אויסגעלאָזען אַ זייפען־בלאָז.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז יודען זענען סאָלידאַר בעת אַ שמחה, אָדער, אַז מיט יודען איז גוט באַר טשאָלענט עסען, אָבער אין דער ווירקליכקייט איז די דאָזיגע סאָלידאַריטעט נישט מעהר ווי אַ פיקציע, וועלכע עקזיסטירט אין דעם קאָפּ פון משוגענע און וואַנזיניגע אַנטיסעמיטען.

דעם גרעסטען דורכפאַל האָבען מיר געליטען אין דער אַקציע געגען היטלעריסטישען דייטשלאַנד. עס איז אמת ווייטאָגליך דאָס פעסטצושטעלען אָבער עס וואָלט זיין אַ גרויסע פּחדנות און צביעות דאָס צו בעהאַלטען. פערקעהרט, דער ביטערער אמת קען אונז אפשר עפענען די אויגען און אויסניכטערען. שוין די ערשטע טעג פון דעם היטלער־רעזשים האָבען בעוויזען, אַז עס איז ביי אונז ווייט נישט פויגעלריג מיט אונזערע כלומרשטע סאָלידאַריטעט, וועלכע ווערט אַזוי שטאַרק רעקלאַמירט דורך די אַנטיסעמיטען פון אַלע לענדער. די מאַסען זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרען פון עפּעס אַ היסטעריע. מען איז געלאָפען אויף די פּראָטעסט־מיטינגען און מען האָט זיך בעטייליגט אין אַלע אַנטי־היטלעריסטישע מאַניפעסטאַציעס. דערמיט האָט זיך אייגענטליך געענדיגט. ווען עס איז געקומען צו דער פּראַקטישער אויספיהרונג פון די רעזאָלוציעס, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרען אויף די אַלע מיטינגען — האָט זיך אָנגעהויבען אַן אמת'ער קאַצענ־יאַמער. פיל יודען האָבען זיך די מלחמה מיט היטלער'ן פאָרגעשטעלט זעהר איינפאַך. זיי האָבען געגעבען זייער הסכמה און אפילו ברכה, אַז היטלער זאָל ליידען אַ מפלה, אַז אייניגען זאָל קומען אַ סוף צו זיין הערשאַפט.... אָבער דערמיט האָט זיך אַלץ געענדיגט. אַליין האָט מען נישט אַרויסגעוויזען קיין גרויסען חשק אַקטיוו צו אַרבייטען אין דער ריכטונג פון דער באָיקאָט־אַקציע, נאָכמעהר ווען דאָס איז גאַנץ אָפט געווען פאַרבונדען מיט געוויסע קרבנות.

און דערביי איז אויך פאַרשטענדליך די שטעלונג פון דעם אַזוי־גערופענעם צענטראַלען באָיקאָט־קאָמיטעט אין וואַרשאַ, וועלכער האָט בעשלאָסען אַנטקעגענצוקומען דעם ווילען פון די גרויסע מאַסען יודישע סוחרים און אינדוסטריעלער און צו געהן אויף דער ליניע פון קלענסטען ווידערשטאַנד. די פיהרער פון צענטראַלען באָיקאָט־קאָמיטעט האָבען זיך אפשר נישט געוואָלט קאָמפּראָמיטירען, מחמת זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז די זאַך וועט זיך נישט זעהר איינגעבען און די מענשען, וועלכע שטעהען בראש פון דעם דאָזיגען קאָמיטעט קענען נאָך חס־וחלילה פאַרלירען זייער פּאָפּולאַריטעט, אויב זיי וועלען טאַקע ערנסט פּרובען דורכפיהרען די באָיקאָט־אַקציע.

האָט טאַקע דער דאָזיגער קאָמיטעט פונאַנדערבעשיקט געהיימע צירקולאַרען צו פאַרשיידענע ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען פּאַקטיש בעגריט אַ פולשטענדיגע קאַפּיטולאַציע לגבי היטלערן. די אינטערפּרעטאַציע פון דעם בעגריף „דייטשע אויסאַרבייטונגען" איז געוואָרען אַזוי שמאָל אויפגעפאַסט, אַז פּאַקטיש האָט מען אַלע „דייטשע" סחורות געקענט בעטראַכטען אַלס איינלענדישע, אַלס כשר'ע, וועלכע מען מעג בענוצען. אין אַ שיינעם טאָג האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז איבער נאַכט זענען אַלע דייטשע אונטערנעהמונגען „אַריבערגעטראָגען געוואָרען" קיין פּוילען. אַז זיי אַרבייטען מיט דער הילף פון פּוילישע אַרבייטער און בענוצען נאָר פּוילישע רויה־שטאָפּ־פּראָדוקטען.

דער צענטראַלער באָיקאָט־קאָמיטעט, וועלכער איז פון לכתחילה געווען אַ טויט־געבוירען קינד און לויט זיין צוזאַמענשטעל, און לויט דעם פּרצוף פון די מענשען, וועלכע זענען דאָרט געקומען „מאַכען פּאָליטיק", דער זעלבער צענטראַלער באָיקאָט־קאָמיטעט האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען דער אָדער יענער פירמע בעשטעטיגונגען, אַז זיי זענען אמת'ע פּוילישע, אַז זיי האָבען נישט קיין שום שייכות מיט די אויסאַרבייטונגען פון היטלער־לאַנד. אין דעם „פּראָפּאַלב" פון צענטראַלען באָיקאָט־קאָמיטעט האָט זיך מסכים געווען דער דאַנציגער רב ה' סטעגאַלאָוויטש און ער האָט אויפגעהערט צו פּסק'ענען שאלות און אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען „כשרות־בעשטעטיגונגען" פאַר דייטשע היטלעריסטישע פירמעס. מעגליך, אַז דער גאַנצער ענין האָט זיך בעלוינט, עס איז בעסער וועגען דעם נישט צו רעדען. אַ פאַקט איז אָבער, אַז דער צענטראַלער באָיקאָט־קאָמיטעט האָט זיך פולשטענדיג קאָמפּראָמיטירט און פאַרלוירען זיין אויטאָריטעט. דער שענדליכער צירקולאַר פון דעם דאָזיגען קאָמיטעט האָט פּאַקטיש געכשר'ט אַלע דייטשע פירמען און אַזוי אונטערגעבראָכען די גאַנצע באָיקאָט־אַקציע. מיט איין וואָרט, דער צענטראַלער באָיקאָט־קאָמיטעט איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קאָמיטעט אויף אַרויסצוגעבען „כשרות־בעשטעטיגונגען" פאַר היטלעריסטישע פירמעס.

און ווען איצט קומען די פאַרשטעהער פון דעם אַזוי גערופענעם צענטראַלען באָיקאָט־קאָמיטעט אין וואַרשאַ אויף דער אַמסטערדאַמער קאָנפערענץ און האַלטען נאָך פּאַטעטישע רעדעס וועגען זייערע „גרויסע" לייסטונגען, וועגען דעם, וואָס זיי האָבען שוין אויפגעטון געגען היטלערן — איז דאָס, מילד גערעדט, זעלבסט־בעריהמעריי. מיר זענען זיכער, אַז די הערן אַדוו. אונטערמייער און ד"ר קאָראַלניק זענען געקומען מיט די בעסטע כוונות, אַז זיי מיינען עס זעהר ערנסט מיט דעם באָיקאָט. צום בעדויערן איז אָבער זעהר ווייט דערפון דער אַזוי גערופענער צענטראַלער באָיקאָט־קאָמיטעט אין פּוילען. היינט האָבען מיר שוין מורא צו זאָגען נביאות, היטלער מיט זיינע באַנדיטען בושועט. יעדען טאָג ווערען טויזענדער יודען פולשטענדיג רואינירט, אָבער ביי אונז האָט מען שוין כמעט ווי שלום געמאַכט מיט היטלערן און מען האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יעדען ווידערשטאַנד.

אונזער כלומרשטע סאָלידאַריטעט האָט אונז בעדעקט מיט שאַנד און שפּאָט.

א. צינצינאַטוס.

דער גרויסער אינטערעס פון דער פראַנצויזישער פרעסע

צום פאַרגעקומענעם סאָציאַליסטישען קאָנגרעס

דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס האָט זיך געענדיגט אָהן אַ סוף. די פּאַרלאַמענטאַרישע גרופּע איז געוואָרען בלאַמירט, אָבער אַרויסטרעטען פון דער פּאַרטיי קענען זיי נישט ווייל עס בינדט זיי די בראָקע־רעזאָלוציע. צו וואָס אָבער וועט דאָס דערפיהרען? ווייל אויב אַלעס האַלט זיך נאָך אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון פראַנקרייך, איז עס דאָך איצט בלויז קינסטליך. עס איז דאָך קיין צווייפעל נישט, אַז דער פראַנצויזישער סאָציאַליזם מאַכט דורך אַ טיעפע אינערליכע טראַגעדיע, אפשר די טראַגעדיע פון זיין צו „ריין", פון זיין צו דאָקטרינעריש.

לעאָן בלום וואַכט אויף דער ריינקייט פון דער דאָקטרין אָדער מען איז סאָציאַליסטען אָדער מען איז עס נישט. עס שטעלט זיך די פראַגע: וואָס איז געוואָרען פון די בעלגישע און די ענגלישע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען נישט געקענט בעשטעהען דעם נסיון און בעטייליגט זיך אין דער מאַכט? — אָבער צי קען אַ גרויסע פּאַרטיי, טאַקע די צווייטע גרעסטע אין פּאַרלאַמענט אייביג בלייבען אין אָפּאָזיציע? — זי דאַרף דאָך שטרעבען צו דער מאַכט און אַמאָל טאַקע זי איבערנעמען.

ווייל איצט איז דאָך אַזאַ מערקווירדיגע לאַגע, אַז די רעגירונג איז אונטערן שטאַרקען איינפלוס פון די סאָציאַליסטען, און זיי האָבען אָבער נישט די פאַקטישע פאַראַנטוואָרטליכקייט דערפאַר. דאָס האָבען אייגענטליך פאַרשטאַנען די געגנער פון לעאָן בלום, ווען זיי האָבען יאָ דורכגעבראַכט די פּאַרלאַמענטאַרישע גרופּע צו שטימען פאַר טייל מיליטערישע פּאָזיציעס אין בודזשעט, וועלכע זענען נישט זעהר אין איינקלאַנג מיט דער דאָקטרינע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אמת, עס איז איין זאַך צו זיין אין דער פּאַרטיי און אַ צווייטע זאַך צו ווירקען אין פּאַרלאַמענט מיט דעם געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַרן לאַנד, בפרט, אַז דאָס היטלעריסטישע דייטשלאַנד בעוואָפענט זיך כסדר, און די אינערליכע עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד ערלויבט נישט איצט אויף דרייסטע סאָציאַליסטישע עקספּערימענטען.

דער אינערליכער קאָנפליקט אין דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געהט איצט ברייט אַריבער די גרענעצען פון אַ פּאַרטיי און אפילו פון לאַנד. די ווערטער, וועלכע מען האָט געהערט אויפ'ן לעצטען קאָנגרעס ווערען איצט פאָרטגעזעצט אין עכאָס און אָפּקלאַנגען און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ ברייטע דיסקוסיע אין דער גאַנצער פּרעסע פון לינקס און פון רעכטס. מען הערט מערקווירדיגע פאַרגלייכען... פאַשיזם... דיקטאַטור... אַנטיפּאַרלאַמענטאַריזם... מען רעדט וועגען אַ נעאָ־סאָציאַליזם. דער פּאַריזער דעפּוטאַט מאַרסעל דעא, איינער פון די פיהרער פון נעאָ־סאָציאַליזם גיט איבער אין „עוור":

„די רעדעס, וועלכע מיר האָבען געהאַלטען אויפ'ן קאָנגרעס זענען נישט געווען צונויפגערעדט, זיי זענען געווען ספּאָנטאַן, פּונקט ווי מיינע חברים און איך זאָל זיך האָבען בעשטאַנען אויפ'ן וואָרט נאָך אַ פּאַראַלעלען לויף פון אונזער געדאַנק אָבער פון דעם אַלעמען איז גאָרנישט געווען בלויז אימפּראָוויזירט. פּאַקטיש האָבען מיר געגעבען בלויז אַן עפענטליכען און אָפיציעלען אויסדרוק פון די געפיהלען און אידעאַלען, וועלכע זענען שוין רייף געוואָרען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי גופא אין משך פון חדשים און אפילו יאָהרען."

אָבער לעאָן בלום ענטפערט אין „פּאָפּולער":

„איך שטעל אַ פּשוט'ע פראַגע: צי האָבען אונזערע חברים געקענט חושד זיין, אַז די פּרעסע פון מוסאָליני און היטלער וועט אין זיי דערקענען אייגענע מענשען, און אַז זיי וועלען קריגען דעם שרעקליכען קאָמפּלימענט, אַז זיי פּרעזידירען ביי דער אַגאָניע פון מאַרקסיזם, פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון אינטערנאַציאָנאַל.

ווען זיי וואָלטען געקענט חושד זיין, אַז די אַמייסטען פאַשיסטישע פראַנצויזישע צייטונגען וועלען אויך געפינען אין זייערע רעדעס „אייגענע ווערטער", וועלכע פאַררעטען, נישט געקוקט אויף אַלעמען אַ בשותּפות־דיגען געדאַנק, ווען זיי וואָלטען דאָס אַלעס געוואוסט, צי וואָלטען זיי נישט בעטראַכט זיך פאַר'ן אַרויסזאָגען דאָס?

וואָלטען זיי געקענט פאַרטראָגען דעם געדאַנק, אַז מען וועט פון זייערע רייד מאַכען אַ געוועהר געגען סאָציאַליזם, צי אַז מען וועט איבערדרעהען זייערע אַרגומענטען און זענען סאָציאַליזם אַלס בעוויז און אַלס דעצידירענד עדות־זאָגען, אַזוי ווי אַ וויכטיגער קאַפּיטעל פון אַ בעשולדיגונגס־אַקט? צי וואָלטען זיי דאָס דעמאָלט געטון?

דער „פּטי זשורנאַל" שרייבט וועגען דער שפּאַלטונג אין סאָציאַליזם:

„די ה"ה דעא און מאַרקע האָבען זיך געשטעלט נישט אויפ'ן גרונד פון טאַקטיק, נאָר אויפ'ן גרונד פון דער דאָקטרין. זיי האָבען פּראָקלאַמירט אַ דאָגמע פון אַ נייעם נאַציאָנאַליסטישען און אויטאָריטעטען־סאָציאַליזם אַלזאָ. וואָס איז דאָס פאַקטיש אין אַזאַ סאָציאַליזם? — די צושטערונג פון דעמאָקראַטישען אידעאַל און רעזשים פון רעפּרעזענטאַנץ. דאָס איבעריגע קומט בלויז נאָכהער, און מען קען אפילו צווייפלען צי עס וועט בכלל קומען, אויב מען זאָל זיך דערמאָנען די ערפאַהרונגען וועלכע די געשיכטע האָט אונז איבערגעלאָזען.

אַלענפאַלס איז קיין צווייפעל נישט, אַז צווישען לעאָן בלום און פּאָל פאַר אין דער אידעע פון דעא און מאַרקע איז די סתירה אַ זעהר גרינדליכע. די פראַנצויזישע סעקציע פון אַרבייטער־אינטערנאַציאָנאַל האָט אין זיך איצט איינגעשלאָסען צושטאַנדען, וועלכע שליסען זיך אויס איינע די אַנדערע. וואָס וועט ברענגען די דאָזיגע לאַגע? — קען מען שוין עפּעס פאָראויסזעהען? מען רעדט פון אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי אָבער דאָס וועט דאָך נישט פאַרבעסערען די לאַגע. וועט עס ברענגען צו אַן איבערוועגונג פון דער איצטיגער פּאַרלאַמענטאַרישער מעהרהייט? מען קען גאָרנישט פאָרויסזעהען אין איצטיגען מאָמענט. מען דאַרף אָפּוואַרטען. בפרט, אַז דער נאַציאָנאַליזם איז אַ טיעפער און אינערליכער און עס איז קיין צווייפעל נישט, אַז אין פראַנקרייך ברעכט זיך דורך אַ נייער סאָציאַליזם.

* * *

די סענסאַציע פון דער וואָך איז די אַנטפּלעקונג פון דעם בעריהמטען רעפּאָרטער זשאַ לאַנדאָן אין דייטשלאַנד. זשאַ לאַנדאַן דרוקט אין „זשורנאַל" אַ סעריע אַרטיקלען פול בעוויזען וועגען דער כסדר'דיגער בעוואָפנונג פון דייטשלאַנד. טאָג און נאַכט אַרבייט מען אין די מעטאַל־פאַבריקען פון דייטשלאַנד הערמעטען פון פאַרשידענסטען קאַליבער. מען גרייט דעם קריג. אויף וועמען? — יעדער וועלכער לעזט די רעוועלאַציע פרעגט עס זיך מיט שרעק. מען גרייט אַלזאָ אַ נייע מלחמה. פאַר אונז יודען וועלכע קענען דעם פּרצוף פונם נייעם דייטשלאַנד איז עס אייגענטליך נישט קיין סורפּריז. די „העכערע" בלאָנדע ראַסע וויל בלוט.

י. חאַמסקי.

וואָס ד"ר הערצל האָט מיט 30 יאָהר צוריק פערהאַנדעלט

מיט'ן צאַרישען מיניסטער פאָן־פּלעווע

(סוף).

„איך האַלט פאַר נויטיג נאָך צוצוגעבען, אַז די רוסישע רעגירונג, וואָס מוז צופּאַסען איהר בעהאַנדלונג פון דער יודען־פראַגע צו די אַלגעמיינע אינטערעסען פון דער מלוכה, איז צוגלייך קיינמאָל נישט אָפּגעטרעטען פון די גרונד־פּרינציפּען פון מאָראַל און מענשליכקייט. ערשט נאָר נישט לאַנג, האָט זי פאַרברייטערט דאָס וואוינרעכט אין דעם ראַיאָן וואָס איז בעשטימט פאַר יודען, און קיין זאַך שטערט נישט צו האָפען, אַז די ענטוויקלונג פון אָט די מיטלען וועט העלפען פאַרבעסערען די לעבענס־בעדינגונגען פון די רוסישע יודען, בעזונדערס, ווען זייער צאָהל וועט פאַרמינערט ווערען דורך עמיגראַציע, מיט פאַרזיכערונג פון מיינע בעסטע געפיהלען, וו. פּלעווע, פּעטערבורג. דעם 30. יולי (12. אויגוסט), 1903".

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט פּלעווע ווידער אויפגענומען ד"ר הערצלען. אויך דעמאָלט האָט זייער געשפּרעך געדויערט מעהר ווי אַ שעה צייט. פּלעווע האָט ערקלערט, פאַרוואָס ער האָט איהם געלאָזט איניגע טעג וואַרטען אויף זיין בריף. „איך האָב נישט געקאָנט", — האָט ער געזאָגט — „אָפּגעבען אַ שריפטליכע ערקלערונג וועגען אַזאַ וויכטיגער אָנגעלעגענהייט פריהער, איידער איך האָב די זאַך צוגעשטעלט זיין מאַיעסטעט, דעם קייזער. ער איז דער האַר פון לאַנד, פון דער רעגירונג, ער איז דער זעלבסטהערשענדער מאָנאַרך. עס איז אויך געווען נויטיג, אַז די ערקלערונג, וואָס איך האָב געוואָלט געבען זאָל נישט זיין אַן ערקלערונג פון אַ פאַרבייגעהענדען מענשען, פון איינעם, וואָס איז אפשר מאָרגען שוין אויס מיניסטער, נאָר די ערקלערונג פון דער רעגירונג. איך קאָן אייך, אלזאָ, פעסטשטעליך זאָגען, אַז איך האָב מיין בריף — אַלס אויספיהר פון מיין בעריכט — צוגעשטעלט דעם קייזער און פון איהם בעקומען די צושטימונג אויף איבערצוגעבען איהם אייך".

די פּעטערבורגער ציוניסטען האָבען דעם 30. יולי געמאַכט אַן אָוונד לכבוד ד"ר הערצל. דער צוועק פון זיין קומען קיין רוסלאַנד איז געהאַלטען געוואָרען בסוד, אָבער אַלע האָבען פאַרשטאַנען די וויכטיגקייט פון דעם מאָמענט און די שטימונג איז געווען זעהר אַנ'ערנסטע. אין דער רעדע, וואָס ד"ר הערצל האָט אין דעם אָוונד געהאַלטען, האָט זיך קלאָר געשפּיגעלט דער אָפּקלאַנג פון יענער שטימונג, וועלכע עס האָבען ביי איהם געמוזט אַרויסרופען די געשפּרעכען מיט פּלעווען און דער בריף, וואָס ער האָט פון איהם בעקומען.

אין די ראַדיקאַלע יודישע קרייזען איז מען געווען אומצופרידען מיט הערצלס קומען קיין רוסלאַנד, נאָך דעם קישענעווער פּאָגראָם. און מיט זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט פּלעווען. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָבען זיך אין פיל יודישע שטעט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אויף דעם פיהרער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג איז געשעהן אין פּעטערבורג אַנ'אַנפאַל, און אַז ער איז אומגעבראַכט געוואָרען. איניגע האָבען אין דעם כלומרשטען מאָרד בעשולדיגט ד"ר הערצלס פּאָליטישע געגנער־יודען; אַנדערע האָבען געהאַלטען אַז אָנגעטאָן די זאַך האָבען די רוסישע שוואַרצע מאה־ניקעס, אָדער גאָר אַגענטען פון דער זשאַנדאַרמעריע. פון אַלע עקען רוסלאַנד זענען צו די רעדאַקציעס פון די פּעטערבורגער יודישע צייטונגען געפלויגען אונצעהליגע דעפּעשען מיט אָנפראַגען וועגען הערצלס געזונד, זיין צושטאַנד, מכּוח דעם אומגליק, וואָס איז כלומרשט איהם געשעהן א. ד. גל.

ווי ווילד און גרונדלאָז עס זענען נישט געווען די אַלע קלאַנגען, האָבען זיי דאָך געמאַכט גערודער און אפילו בעאומרוהיגט איניגע פון הערצלס מיטאַרבייטער, בעזונדערס דעם בעוואוסטען ציוניסט ד"ר ברוק, פון וויטעבסק, וועלכער האָט זיך דאַן אויפגעהאַלטען אין פּעטערבורג.

דעם לעצטען טאָג אין „פּעטערבורג" — שרייבט הערצל — האָט מיר עטוואָס פאַרביטערט ד"ר ברוק; ער האָט מיט אויפרעגונג מיך אָפּגערעדט פון צו פאָהרען קיין ווילנע, וואָרום מען קאָן דאָרטען מיר אָפּטון, וואָס שלעכטס... איך האָב ער־

(ווייטער זעה 8. זייט).

נייער פאָלקסבלאַט

דאס לאָדזשער לעבען

נייער פאָלקסבלאַט

מיטוואָך 26 ג' מנחם אב תרצ"ג

יולי

זון-אויפגאַנג 3.47
זון-אונטערגאַנג 7.37

געדראָהט צו דערמאָרדען אַ פאַמיליע

אַ מעשה מיט אַ קאָנטראָלירטע פייער-לעשער קאַסע, וואָס איז נישט געווען אין אָרדנונג

(2) יוזעף רימאָווסקי, אַ בעאַמטער פון דער פירמע י. ק. פאָזנאַנסקי האָט בעקומען אַן אויפטראַג פון דער פירמע צו קאָנטראָלירען דעם קאַסע-צושטאַנד פון דער נעגענזייטיגער הילף-קאַסע פון די פייער-לעשער ביי דער פאַבריק. רימאָווסקי האָט אַדורכגעפיהרט אַ קאָנטראָלע און דעם רעזולטאַט איבערגעגעבען דער פירמע. אין אַ צייט אַרום איז דער סעקרעטאַר פון דער דערמאָנטער קאַסע, מאַריאַן גלינקאָווסקי אָפּגעזאָגט געוואָרען פון זיין אַמט.

נאָכדעם האָט גלינקאָווסקי געשיקט צו רימקאָווסקי'ן דראָהונגס-בריף, אין וועלכער ער האָט איהם מודיע געווען, אַז ער וועט דערמאָרדען איהם, אויך זיין פאַמיליע און שפּעטער וועט ער בעגעהן זעלבסטמאָרד. רימקאָווסקי האָט דעם דראָהונגס בריף איבערגעגעבען דער פּאָליציי און רעזולטאַט איז גלינקאָווסקי געשטאַנען פאַר'ן שטאַטישען געריכט.

דער בעשולדיגטער האָט זיך אָנערקענט פאַר שולדיג און זיך פערטיידיגט דערמיט, וואָס רימקאָווסקי האָט רואינירט זיין פאַמיליען-לעבען, דעריבער האָט ער געוואָלט רואינירען אויך רימקאָווסקי'ס פאַמיליע.

גלינקאָווסקי איז פערמשפּט געוואָרען אויף 1 חודש אַרעסט.

פּראָצעס וועגען מיסברויכען

(2) מיט אַ צייט צוריק האָט אין לאָדז געמאַכט אַ רושם דער פּראָצעס וועגען די מיסברויכען אין אַפּעלאַציע-אָפּטיילונג ביים קרייז-געריכט אין לאָדז.

די מיסברויכען זענען בעשטאַנען אין דעם, אַז דער סעקרעטאַר וועגניער און דער קאַנצעלאַריסט יאַקובאָווסקי דורך דער פערמיטלונג פון אונטערגעשטעלטע פּערזאָנען, וועלכע האָבען געפעלשט די אונטערשריפטען פון ריכטער קאָוויינקאַראַטקיעוויטש, און עלטסטען סעקרעטאַר דיטבערנער, האָבען זיי אָפּגענומען קויציעס. די סומע פון די מיסברויכען האָט דערגרייכט צוזאַמען 19 000 זלאָטעס.

וועגניער איז דעמאָלסט פערמשפּט געוואָרען אויף 3 יאָהר מיט 6 חדשים תפיסה, און יאַקובאָווסקי אויף 2 יאָהר מיט 6 חדשים תפיסה. די איבריגע ווי שטשעוויאַ און די אַנדערע זענען פריי-געשפּראָכען געוואָרען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז איינער פון די הויפּט-קאָמבינאַטאָרען, וואָס האָט מיטגעהאָלפען מיט וועגניער'ן און יאַקובאָווסקי'ן, איז דער אייגענטימער פון די ביטשריפטען-ביוראָ סאַלאָמאָן וואָל שמואל לעווין פון צעגעלניאַנאַ 7.

לעווין האָט בעוויזען צו אַנטלויפען און זיך אויסבעהאַלטען אַ לענגערע צייט. מען האָט איהם אָבער געפונען און אַרעסטירט אין וואַרשע, און נעכטען איז ער געשטאַנען פאַר'ן היגען קרייז-געריכט.

לעווין איז זיך נישט מודה, ער שטעלט פעסט, אַז ער האָט אַ מאָל געהאַט אַ פּראָצעס וועגען אַ וועקסעל-קאָמבינאַציע, און אין דעם פּראָצעס האָבען איהם וועגניער און יאַקובאָווסקי צוגעזאָגט זיך צו בעמיהען וועגען „אַ גוטען" ריכטער-קאָמפּלעט דערפאַר האָבען זיי פערלאַנגט „אַ קלייניגקייט" אָפּצונעמען די קויציע.

לויט די ערקלערונג פון די עדות ווייזט זיך אַרויס, אַז לעווין איז געווען איינער פון די הויפּט-זיילען פון די מאַכינאַציעס.

אויך לויט זיין ערקלערונג, אַז ער האָט אַלס מובּן ערלעדיגט אַלע אויפטראַגען פון וועגניער און יאַקובאָווסקי'ן, און אויך, אַז זיי זאָלען איהם האָבען כלומרשט שאַנטאַזשירט שטימען נישט מיט'ן אמת.

לעווין פערלאַנגט אָפּצולעגען דעם פּראָצעס צוליב דעם, וואָס ער איז נערווען-קראַנק.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז לעווין האָט שוין אייניגע מאָל אין פערשידענע אַנדערע פּראָצעסען פערלאַנגט, אַז מען זאָל איהם אונטערזוכען אַלס נערווען-קראַנקען, אָבער יעדעס מאָל האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז געזונד.

דאָס מאָל האָט דאָס געריכט פּערלאַנגט צו אונטערזוכען דעם בעשולדיגטען דורכ'ן געריכטס-דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז לעווין איז באמת אַ פּסיכאָפּאַט, אָבער ער קען זיך אָפּגעבען אַ גענויען דין-וחשבון פון דעם, וואָס ער רעדט און וואָס ער טוט.

נאָך אַ לענגערער בעראַטונג איז אַרויסגעטראָגען געוואָרען אַן אורטייל, אַז לעווין ווערט פערמשפּט אויף אַ יאָהר תפיסה.

צוליב דער פערפלייצונג

(2) ערשט נעכטען האָט מען פערענדיגט דאָס אויסשעפּען דאָס וואַסער פון די קעלער-שטובען אויף לאַגעווניצקאַ און אַנדערע גאַסען, וואָס זענען פערפלייצט געוואָרען בעת'ן זונטאָג'דיגען שלאַקס-רעגען.

אַ יונגער וועלט-רייזענדער

(2) אָסקאַר רי, קאַמיענאַ 6, האָט געמאָלדען דער פּאָליציי, אַז זיין 13-יעהריגער זוהן מאַריאַן האָט מיט אַ צייט צוריק איהם געזאָגט, אַז ער וויל מאַכען אַ רייזע אַרום דער וועלט צו פוס. דעם 18 יולי איז דער בחור אוועק פון שטוב און ביז איצט נישט צוריקגעקומען.

דער פאָטער האַלט דעריבער, אַז מאַריאַן האָט טאַקי אונטערגענומען אַ וועלט-רייזע, בעט ער דעריבער דער פּאָליציי, מען זאָל אויסזוכען זיין מינדעריעהריגען זוהן און איהם שטערען די וועלט-רייזע צופוס, וואָס קען זיך פאַטאַל ענדיגען צוליב זיין שוואַכען געזונד.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאַכט דיזשורירען: ש. יאַנקעלעוויטש (אַלטער מאַרק 9), ל. שטעקעל (לימאַנאָווסקיעגאָ 37) ב. גלוכאָווסקי (נאַרוטאָוויטשאַ 6) ס. האַמבורג (גלובנאַ 30), ל. פּאַוולאָווסקי (פּעטער יקאָווער 307), א. פּיאָטראָווסקי (פּאָמאָרסקאַ 91)

אַרויסגעשפּרונגען אַ אומבעקאַנטער פון צוג און דער'הרג'עט געוואָרען

(2) נעכטען ביינאַכט איז פון צוג, קאָלושקי-סקאַזשיסק, אַרויסגעשפּרונגען אין מיטען גאַנג אַ פּאַסאַזשיר און איז אויפ'ן אָרט דער'הרג'עט געוואָרען.

צוליב דעם, וואָס דער דער'הרג'עטער האָט ביי זיך נישט געהאַט קיין דאָקומענטען, איז נישט געלונגען פעסטצושטעלען זיין נאָמען.

מען מוז דעריבער וואַרטען ביז עס וועט זיך מעלדען אימיצער, וועלכער וועט דערקענען דעם הרוג.

Dr. med. H. LUBICZ

ספּעציאַליסט פאַר וועגערישע און געשלעכטס-קראַנקה.

צוריקגעקעהרט

צעגעלניאַנאַ 7, טעל. 141-32.

נעהמט אָן פון 8—10 פריה, פון 12—2 נאָכמ. און פון 5—8 אָוונד, זונטאָג פון 9—11 בייטאָג.

ברענער פלעגט צווינגען, מען זאָל איהם „שטעלען" בראָנפען

1 חודש וועט ער זיצען דערפאַר אין אַרעסט

(2) יאַקוב ברענער איז נעכטען געשטאַנען פאַר'ן שטאַטישען געריכט צוליב דער בעשולדיגונג, אַז ער פלעגט אין גאַלקובעק טעראָריזירען מענשען און זיי צווינגען איהם צו „שטעלען" בראָנפען אין דער אָרטיגער שענק.

אין געריכט אַריין איז ברענער געקומען צוליב דעם, וואָס דער גאַלקובקער פּאָליציי-פּאָסטען האָט וועגען דעם בעקומען מעהרערע אָנקלאַגעס.

ברענער האָט געשטעלט אַלס עדות די ה"ה: יאָסעל ראַבינאָוויטש און יאַנקעל נייסטאַט, וועלכע האָבען איהם געוואָלט „ריינוואַשען".

געגען די דאָזיגע עדות האָט מען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אַ פּראָטאָקאָל אין איבערגעגעבען דער פּראָקוראַטור.

ברענער איז פערמשפּט געוואָרען אויף 1 חודש אַרעסט.

פערקויפט דאָס מעהל האָט ער, נאָר דאָס געלד האָט ער נישט צוריקגעגעבען

(2) דער מעהל-סוחר פון אַלעקסאַנדער, בערל יאַקובאָוויטש האָט אין אַפּריל ה. י. איבערגעגעבען דעם פּיהרמאַן וולאַדיסלאַוו זוויערזשכאָווסקי איבערצופיהרען מעהל אין דער מיהל אַריין אויף כאַינע.

אָנשטאָט אין דער מיהל אַריין, האָט וולאַדיסלאַוו דאָס מעהל פערקויפט, נאָר דאָס געלד נישט אָפּגעגעבען יאַקובאָוויטש'ן.

נעכטען איז זוויערזשכאָווסקי געשטאַנען פאַר'ן שטאַטישען געריכט און איז פערמשפּט געוואָרען אויף 2 חדשים אַרעסט און צו בעצאָהלען 140 זל.

צוגאַב פאָדער-קאָמיסיע

(2) דעם קומענדיגען פרייטאָג, דעם 28 ד. ח. און שבת דעם 29. ד. ח. הויבט אָן אין לאָקאַל אויף פּעטריקאָווער 165 אַ צוגאַב-פאָדער-קאָמיסיע פאַר פּ.ק.או. לאָדז — שטאָט 2.

מעלדען דאַרפען זיך די פאָדעראָוצעס פון יאָהרגאַנג 1912 און עלטערע, וועלכע האָבען זיך לעת עתה נישט צוגעשטעלט צו מיליטער-איבערזיכט, האָבען נישט רעגולירט זייער מיליטער-פליכט. וואוינען אויפ'ן שטח פון 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13 און 14 פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטען, און האָבען בעקומען נאָמענטליכע אויפפאָדערונגען פון דער שטאָטישער סטאַראָסטווע.

ליקווידירט דעם קאָנפליקט אין שפּינער-קאַרטעל

(אג) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, איז דעם 13 יולי פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ צווישען די פאָרשטעהער פון שפּינער-קאַרטעל און די 11 פירמעס, וואָס זענען פון קאַרטעל אַרויסגעטרעטען, וועגען צוריק אַריינטרעטען אין קאַרטעל.

ווי מיר דערוויסען זיך איצט, וועט לויט אַ בעשלוס פון האַנדעלס-מיניסטער אין דער נאָהנטסטער צייט דער שפּינער-קאַרטעל ווידער אַרומנעהמען אַלע באַוואָל-שפּינערייען אין דער צאָהל פון 39. עס דאַרף בעטאָנט ווערען, אַז די פירמען, וואָס זענען בשעתו אַרויסגעטרעטען פון קאַרטעל, האָבען בעקומען בעדייטענדע הנחות.

פאַלש געלד

(2) אין 5. פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט איז געקומען אַ געוויסע זאָפיאַ מייסנער און געמאָלדען, אַז זי האָט בעקומען אויפ'ן מאַרק אַ רעשט פון אַ פויער פאַלשע צוויי זלאָטי-שטיק.

ווי דער פּאָליציי איז בעוואוסט שטאַמט דאָס דערפון, וואָס די „פאַבריקאַנטען" פון פאַלש געלד נוצען אויס די נאַאיוויטעט פון די פויערים און פערשפּרייטען צווישען זיי די פאַלשע צוויי זלאָטי-שטיק.

Dr. R. Zalcwasser

CHIRURG — כירורג

ציגעל-גאַס 19, טעל. 125-17

נעהמט אָן פון 1—2 בייטאָג און פון 4—7 נאָכמ.

אַ יאָהר אַרבייט אין סאָוויעט-רוסלאַנד

הילף פאַר 196 פאַבריקען און אַרטעלען. — 30 וואַרשטאַטען פאַר קאָלאָניסטען. — 66 נייע גרינס- און אויבסט-גערטנער

דער בעפולמעכטיגטער פון אָרט-פערבאַנד אין מאָסקווע י. צעגעלניצקי האָט צוגעשטעלט דער צענטראַל-פערוואַלטונג אַן אויספיהרליכען בעריכט פון דער אַרבייט, וואָס דער אָרט טוט איצט אין סאָוויעט-רוסלאַנד. דער אויספיהר פון אָט דעם בעריכט איז, אַז די אַרבייט גייט ווייטער אָן מיט אַ גרויסען פערנעהם. דער אָרט פון סאָוויעט-רוסלאַנד איז טעטיג אויף אַלע געביטען פון דער קאָנסטרוקטיווער אַרבייט-לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריאַליזאַציע, פּראָפעסיאָנעלע בילדונג, קרובים-הילף א. א. ס'איז אַ פילזייטיגע אַרבייט, פון וועלכער ס'ווערען געהאָלפען טויזענדער יודישע משפּחות.

דער בעריכט פון י. צעגעלניצקי ענטהאַלט אויך זעהר וויכטיגע סך-הכל'ען פון דעם לעצטען אַרבייטס-פעריאָד — די יאָהרען 1931—1932. פאַר אָט די 2 יאָהר, אין וועלכע די גאַנצע אָרט-אַרבייט האָט געהאַט שווער צו ליידען פון דעם קריזיס אין אַמעריקע און אין די אַנדערע לענדער, זענען בעדינט געוואָרען מיט מאַשינען, רויה-שטאָף, אינסטרומענטען, באַרלעהן א. אַ. וו. 196 אַרטעלען און פאַבריקען. אָהן דער הילף פון אָרט וואָלטען די אַלע אונטערנעהמונגען נישט געקאָנט אויסקומען און די 30—35 טויזענד מענשען, ס'רוב דעקלאַסירטע, וואָס אַרבייטען דאָ, וואָלטען געבליבען אָהן אַרבייט און אָהן ברויט.

אין 30 לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס אין דער אוקראַינע און קרים האָט דער אָרט-פערבאַנד אייפגעשטעלט וואַרשטאַטען, ווי וועגענדליכע און די פּראָדוקטען פון די קאָלאָניסטען אַרבייטען אויס דאַמען-היטען און פערשידענע אַרטיקלען, וואָס דאַרפען אַ גוטען אָפּזאַץ אין די שטעט. די אַרבייט אין די וואַרשטאַטען בעצאָהלט זיך פערהעלטנישמעסיג גוט און צעוואַקסט זיך מיט יעדען יאָהר. דער ווערט פון די אַרטיקלען, וואָס זענען אין די דאָזיגע אָרט-וואַרשטאַטען אויסגעאַרבייט געוואָרען, בעטרעפט ביז איצט העכער אַ מיליאָן רובעל, דער לוין, וואָס די אַרבייטער האָבען בעקומען, מאַכט אויס פון ערך 300.000 רובעל.

מיט אַ יאָהר צוויי צוריק פלעגען אַ טייל פון די קאָלאָניסטען אַוועק פון די קאָלאָניעס, מחמת די לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבייט אַליין האָט נישט געגעבען גענוג חיונה און קיין זייטיגע פערדינסטען זענען נישט געווען. פלעגט מען זיך לאָזען אין שטאָט אַריין און פלעגט זיך אָפּרייסען פון דער לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבייט און אָפּט פערלאָזען די ווירטשאַפט. איצט נאָך דעם, ווי דער אָרט האָט אָנגעהויבען אין די קאָלאָניעס וייבע וואַרשטאַטען, קעהרט מען זיך אום צוריק פון די שטעט און די קאָלאָניסטען זעהען דאַנקבאַר דעם אָרט, וואָס ער האָט זיי געגעבען די דאָזיגע מעגליכקייט.

נישט ווייניגער וויכטיג איז דאָס, וואָס דער אָרט האָט די לעצטע צייט געהאָלפען צו שאַפען אין די קאָלאָניעס גערטנער פאַר גרינס און אויבסט. יעצט מען פאַהרט איצט דורך די יודישע קאָלאָניעס אין דרום-אוקראַינע זעהט מען פאַר זיך אַ נייע דערפרייענדיגע ערשיינונג — צענדליגער קאָלאָניעס זענען בעזייט מיט גאָרטענס, פרוכט-ביימער א. א. וו. — אין דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער אַרבייט פאַר די לעצטע 2 יאָהר. אָנהויב 1933 האָט די צאָהל אַזעלכע קאָלאָניעס, וווּ ס'זענען געשאַפען געוואָרען אַזעלכע גאָרטענס, שוין דערגרייכט 66. פאַר הונדערטער פון יודישע פויערים-משפּחות האָט אָט די אַרבייט פון אָרט געעפענט אַ נייעם מקור פון פערדינסטען. די אָרט-אַגראָנאָמען געבען שטענדיג אַכטונג אויף דעם צושטאַנד פון די גאָרטענס און די פּרוכטען, וואָס ווערען דאָ אַראָפּגענומען, ווערען פערקויפט פאַר גוטע מקחים אין די שכנישע שטעט.

אַ שטאַב פון 50 אינסטרוקטאָרס פון אָרט איז שטענדיג אונטערוועגס, כדי צו געבען די קאָלאָניסטען, די אַרבייטער און די קאָרטעלען, די אַרבייטער, וואָס אַרבייטען מיט-מאַשינען, אַלע נויטיגע אָנווייזונגען און דערקלערונגען. דאָס ווערט געטון מיט איבערגעגעבענקייט און געטריישאַפט. און די אַלע צענדליגער טויזענטער נפשות, וואָס קומען טאָג-טעגליך אין בעריהרונג מיט אָרט, און נויטיגען זיך אין זיין הילף ווייסען, ווי דאָס צו שעצען.

אורלויבען אין געריכט

(2) נעכטען זענען צוריקגעקומען פון אורלויב די ריכטער אָלשעווסקי, אשיאנאווסקי און וויש נעווסקי.

ריכטער מיערסאן האָט נעכטען בעקומען אורלויב.

די וויצע-פּראָקוראָטאָרען ראַווטאָווסקי און קאַזלאָווסקי זענען נעכטען צוריקגעקומען פון אורלויב.

ארויספאָרדערונגען פון ארץ-ישראל

עס זענען דערהאַלטען געוואָרען ארויספאָ־דערונגען קיין ארץ ישראל פאַר פאָלגענדע פּערזאָ־נען: אויטראָוויעצקאַ חיה שרה, רעשעלבאַך פייגה, יאַפּפע שרה, אייזיקאָוויטש-ווייס פייגה און יוסף, בלאַכשטיין משה, שווינקעלשטיין פייגה, יענטע חנה רחל און ישעיהו, מילגראַם אלתה פּערל, גראָסבערג שלמה, רייבענבאַך שלמה און מינדל.

די דערמאָנטע דאַרפען זיך מעלדען אין ארץ-ישראל-אַמט, שרודמיעסקאַ 29, בכדי צו ער־לעדיגען די רייזע-פאָרמאַליטעטען.

בע׳גנב׳עט א געוועלב

(2) קלמן שעראצקי האָט מודיע געווען דער פּאָליציי, אז נעכטען ביינאַכט האָבען גנבים זיך ארייננעקריגען אין זיין געוועלב, אויף סקווערעוואַ 3 און דאָרט אויסגעפיהרט א גנבה.

א פאבריק שרפה

(ג) אויף קילינסקי 210 האָט נעכטען אויס־געבראָכען א שרפה אין פריידענווירס פאַבריק.

די פייערלעשער, וועלכע זענען בעצייטנס ארויסגערופען געוואָרען, איז נאָך געלונגען צו לאָ־קאליזירען דאָס פייער און עס פערלאָשען. דער שאָדען איז נישט בעדייטענד.

זעלבסטמארד

(2) אויף ביעלאַנסקאַ 24 האָט זיך פער׳סם׳ט דער אָרטיגער איינוואוינער קאַראָל קימעק, אַנ־ארבייטסלאָזער. אין א שווערען צושטאַנד האָט זאַנאַטאָוויע איהם אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

צוליב א ירושה

(2) אין דאָרף באַלאַכאָוו, איז אויסגעבראָ־כען א געשלעג צווישען פראַנצישעק גאַס און זיין שניר, צוליב דער ירושה נאָך איהר פערשטאָר־בענעם מאַן, וועלכער איז געווען פראַנצישעק׳ס זוהן.

אין רעזולטאַט איז די שניר ארויס א צו־קאַליטשטע און מען האָט זי אין א שווערען צו־שטאַנד אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

דעם „נוט הערציגען" שווער האָט פּאָליציי פערהאַלטען און האָבען איהם אָפּגעפיהרט אין אַרעסט.

שטוהל-פערשטאָפּונג

שוין די אַלטמיטעלער און דער היילמיטעל-לעהרע האָבען אנערקענט, אז דאָס נאַטירליכע ביטערוואַסער פון „פראַנץ-יאָזעף" איז א הערלאָזיש צופערלעסיג דאַרם-רייניגונגס-מיטעל.

אלע קאטאן-פאבריקן מוזן אפגעשטעלט ווערן אויף צוויי וואכען

(אג) עס איז פאָרגעקומען א פערזאַמלונג פון די פאַבריקאַנטען אין דער קאָטאָן-אינדוסטריע, אויף וועלכער עס זענען בעטראַכט געוואָרען מיט־לען ווי אזוי צו סאַנירען די לאַגע אין דער זאָ־קען-אינדוסטריע. נאָך א לענגערער דיסקוסיע זע־נען די פערזאַמעלטע געקומען צום אויספיהר, אז דער אנגעווייטיגסטער פּונקט אין דער דאָזיגער אינדוסטריע איז די איבערפּראָדוקציע, וואָס רע־כענט זיך נישט מיט׳ן פּאַקטישען געברויך פון מאַרק.

איינשטימיג איז בעשלאָסען געוואָרען, אז די פּראָדוקציע פון קאָטאָן-זאָקען מוז בעדייטענד פערקלענערט ווערען. צו דעם צוועק וועלען אלע קאָטאָן-פאַבריקען אָפּגעשטעלט ווערען אויף צוויי וואָכען פון דעם 14 ביז דעם 28 אויגוסט. אויב א קאָטאָן-פאַבריק וועט נישט אָפּגעשטעלט ווערען, וועלען אנגעווענדעט ווערען סאַנקציעס, אויסנייצע־דיג די קויציע-וועקסלען, וואָס די פירמען האָבען איינגעלעגט.

איבערגעפאהרען דורכ׳ן טראמוויי

(2) נעכטען, אדורכגעהענדיג די טראַמוואַי-ליניע אויף בזשעזשינער גאַס 10, איז ארונטער־געפאַלען אונטער׳ן טראַמוואַי, די 28-יעהריגע עסטע עלבערג פון גראַנסקאַ 4. א דאַנק דעם, וואָס דער מאַשיניסט האָט בעצייטנס פערהאַלטען דעם טראַמוואַי, איז זי נאָר אָפּגעקומען מיט לייכטע וואונדען.

פּאַנאַטאָוויץ האָט איהר ערטיילט הילף און אָפּגעפיהרט אהיים.

* * *

דער צווייטער פאַל איז פאָרגעקומען אויף 11-טער ליסטאָפּאַד 29, ווי דער 38-יעהריגער נחום ווייגבלום, פון פראַנצישקאַנער 38, איז ארונטערגעפאַלען אונטער א וואָגען און שטאַרק צוקלאַפּט געוואָרען.

אויך אין דעם פאַל האָט די פּאַנאַטאָוויע ערטיילט הילף און איהם אָפּגעפיהרט אהיים.

געווינסטן פון דער פאנט-לאטעריע

לטובת דער געזעלשאפט צו בע־קעמפען דעם ראק

נעכטען איז פאָרגעקומען די ציהונג פון דער פּאַנטען לאָטעריע לטובת דער געזעלשאַפט צו בע־קעמפען די ראַק-קראַנקהייט.

געווינען האָבען די נומערן: 14 – 0194 טאָג צו זיין אין איגאָווראָצלאַוו אין א פּענסיאָנאַט מיט אלעם אויסהאַלט און רייזע-הוצאות.

14 – 0293 טאָג אין א פּענסיאָנאַט אין פאָראַנין מיט אלעם אויסהאַלט און רייזע-הוצאות.

14 – 0,412 טאָג אין א פּענסיאָנאַט אין זשעגעסטאָווער מיט רייזע-הוצאות.

14 – 1153 טאָג אין א פּענסיאָנאַט אין ווישלע מיט רייזע-הוצאות.

14 – 1254 טאָג אין א פּענסיאָנאַט אין קאַרוויר, מיט רייזע-הוצאות.

פּערזאָנען, וועלכע האָבען די אנגעוויזענע לאָסען דאַרפען זיך מעלדען אין סעקרעטאַריאַט פון דער דערמאָנטער געזעלשאַפט, פּיעטריקאָווער 171 פון 12 ביז 2 בייטאָג.

גארטען-פערוויילונג

לטובת „תומכי אורחים"

זונטאָג דעם 30-טען ד.ח. קומט פאָר אין העלענאָוו א גראַנדיעזע גאָרטען-פערוויילונג לטובת דער סימפּאַטישער אינסטיטוציע „תומכי אורחים", די געקויפטע בילעטען פון 23-טען ד.ח. זענען גילטיג.

ראדיא-פראגראם

מיטוואך, דעם 26 יולי 1933

11,57 צייט-סיגנאַל, 12.05 גראַמאָפאָן, 12,25 פרעסע איבערזיכט, 12,33 קאָמוניקאַט, 12,35 גראַמאָפאָן, 1,00 טאָג-פּראָגראַם, 2,55 גראַמאָפאָן, 4,00 קאָנצערט פון טשענסטאָכאָוו, 5.00 אַקטועלע געשפּרעכען, 5,15 קאָנצערט, 6,00 מוזיק, 6,15 פּאָרלעזונג, 6,35 געזאַנג, 7,05 מוזיק, 7,20 פערשידענעס, 7,35 פּראָגראַם אויף מאָרגען, 7,40 ליטעראַרישע פערטעל שעה, 8,00 מוזיק, 9,00 קאָמוניקאַט פון לאָדזשער האַנדעלס-קאַמער, 9,10 סאָליסטען-קאָנצערט, 10,10 גראַמאָפאָן, 10,25 ספּאָרט, 10,35 קאָמוניקאַטען, 10,40 טאַנץ-מוזיק.

* * *

פון אויסלאנד

3,15 דאַווענטרי – קאָנצערט. 7,00 קעניג-וואוסטערהאוזען – קאָנצערט. 7,30 שטאָקהאָלם – קאָנצערט, 7,30 ריגא – קאָנצערט, 8,30 שטראַסבורג – אָפּערע, 8,40 מיילאַנד – אָפּערעטע, 9,00 לאָנדאָן – קאָנצערט.

פון דער לאדזער בערזע

באַנק פּאָלסקי	–	–	–	81.00
3 פּראָצענטיגע	בוראָוולאַנע		–	39.00
4	„	דאָלאַרובקאַ	–	48.00
7	„	סטאַביליזאַציע (אמ.)		50.38
8	„	וואַרשאַווער פאַנד-בריף		42.50
8	„	לאָדזער „	„	38.—
ענגלישע פונט	–	–	–	29.94
דאָלאַר – אָפיצ. 6.38,		נישט אָפיצ.	–	6.33
גאָלד-דאָלאַר	–	–	–	9.15
גאָלד-רובל	–	–	–	4 86
דייטשער מאַרק	–	–	–	2.10

ביליגע אויספלוגען קיין טרוס־קאוויעץ, קריניץ, גדיניע און טשענסטאכאוו

דאָס רייזע-ביוראָ פון „וואַגאָן-לי-קוק" אָרגאַני־זירט אויף דער קומענדיגער וואָך פאָלגענדע ביליגע אויספלוגען:

קיין קריניץ, אָפּפאָהר זונטאָג דעם 30 ד. ח. 9.40 אָוונט פון פאַבריקס באַהן מיט א דירעקטען צוג, נומערירטע פּלעצער, דער פּרייז פון 3-טע קלאַס 22.80 זל., 2-טע קלאַס 34.20.

קיין טרוסקאַוויעץ, אָפּפאָהר זונטאָג 8.08 אָוונט פון קאַלישער באַהן מיט א דירעקטען שנעל-צוג פון פּושעמישל ביז טרוסקאַוויעץ, נומערירטע פּלעצער, דער פּרייז פון 3-טע קלאַס 26.90 זל. 2 קלאַס 38.10.

קיין גדיניע, אָפּפאָהר פרייטאָג דעם 28 ד. ח. 9.25 אָוונט פון קאַלישער באַהן מיט א דירעקטען צוג, נומערירטע פּלעצער, דער פּרייז פון 3 קלאַס 18 זל., 2 קלאַס 27.50 זל.

קיין טשענסטאָכאָוו, אָפּפאָהר פרייטאָג אָדער שבת 12.57 פון קאַלישער באַהן מיט א דירעקטען צוג, אָפּפאָהר פון טשענסטאָכאָוו זונטאָג 6.30 אָוונט, רעזערווירטע פּלעצער, דער פּרייז אין ביידע זייטען איז 13.10 זל. אין איין זייט איז 7.40 זל.

אויף די אלע אויבענדערמאָנטע אויספלוגען קען מען בעקומען בילעטען אין רייזע-ביוראָ פון „וואַגאָן-לי-קוק" פּיעטרקאָווער 64, פון 9 פריה ביז האַלב 2 מיטאָג און פון 3 ביז 8 אָוונט.

מיט א פוילישע שיף ארום אייראפא

שוין דעם 2 סעפּטעמבער געהט אָפּ דער סטאַ־טעק „ס. ס. פּאָלאָניאַ" אין וועג אויף דער רייזע ארום אייראָפּא.

דער פּרייז פון א בילעט איז פון 600 זל. צו־זאַמען מיט די עסען און וויזעס.

עס ליגט אין אינטערעס פון די אלע אנטייל־נעמער אין דעם אויספלוג זיך צו ווענדען וואָס פריהער אין ביוראָ פון „וואַגאָן-לי-קוק" פּיעטרקאָ־ווער 64, כדי צו רעזערווירען זיך א פּלאַץ, און יעדער בעקומט א צוגעטיילטע קאַבינע.

אנ׳איינטאגיגער אויספלוג קיין ווארשא

די היגע אָפּטיילונג פון „וואַגאָן-לי-קוק" אָר־גאַניזירט מאָרגען דאָנערשטאָג אנ׳איינטאָגיגען אויספלוג קיין וואַרשאַ.

אָפּפאָהר פון לאָדז 7.28 פריה פון קאַלישער באַהן, אָפּפאָהר פון וואַרשאַ 7.25 פאַרנאַכט דער פּרייז אין ביידע זייטען איז 9.60 זל.

בילעטען קען מען בעקומען היינט אין ביוראָ פון „וואַגאָן לי-קוק" פּיעטריקאָווער 64, פון 9 פריה ביז האַלב 2 מיטאָג און פון 3 ביז 9 אָוונט.

Dr. Z. RAKOWSKI

ספּעציאַליסט פאַר

אוירען, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקהייטען

11 ליסטאָפּאַד 9 (קאָנסטאַנטינער)

טעל 127-81

שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7

נעהמט אויך אָן אין לאַטשניצע זגערזשער 17 פון 11-1 און פון 2-3 נאָכמ.

ר. אייזראַעל

דירעקטאר אדאלף גאלד

סענסאַציאָנעל-שפּאַנענדער ראָמאַן פון יודישען לעבען

5

איערע שליסלען זענען איבעריג. ס׳האַנדעלט זיך מיר באַר דעריין — האָט דער דעטעקטיוו געזאָגט — אַז איהר זאָלט אָנווענדען זיין ביי דער רעוויזיע. וואָס איך וויל אדורכפיהרען ביי ברונא ווייס אין צימער. מיר דאַרפען האָבען אַנ׳עדות.

אַלע דריי זענען ארויס פון האָטעל-ביוראָ, זיך אריינגעזעצט אין דער ווינדע און באַלד גע־שטאַנען פאַר דער געהיימנישפולער טיר. די טיר איז באַלד אָפען געווען, ווען די זענען באַר אריין אין פאַרצימער, האָט דער האָטעל-דירעקטאָר מיט שרעק א קוק־געגעבען אויף טאַובען און דעטעקטיוו.

— א מאָדנע ריח, האָט ער אויסגערופען, נעה־מענדיג זיך פאַרן באָז.

אויך טאַובע האָט דערפיהלט עפּעס א מאָדנע ריח, ער האָט זיך אָבער נישט געקענט פערטייטשען פון וואַנען ער שטאַמט.

— דער ריח פון א מת, האָט שאַרסקי גלייכגיל־טיג געזאָגט. מיר דאַרפען שוין אייגענטליך נישט ווייטער זוכען, כדי צו דערגעהען דערצו, אַז אין דער דאָזיגער וואוינונג געפינט זיך א מת, מיר קע־נען בשום אופן נישט באַר אויבערפלעכליך קעסט־שטעלען דעם פאַקט, ביטע מיינע הערען, קומט מיט מיר ווייטער.

שאַרסקי האָט דער ערשטער איבערגעשריטען די שוועל פון צימער, קוים האָט מען באַר אָנגעצינ־דען ליכט, ווי דער האָטעל-דירעקטאָר און טאַובע האָבען מיט שרעק אויסגעשריגען. דיזערע אויגען געווען האָט זיך בפּוזען א שרעקליכע סצענע.

דער מענש, וועלכען מ׳האָט ערשט מיט עטליכע מינוט צוריק געשילדערט הערמאַן טאַובע, איז גע־לעגען אויסגעצויגען אויפ׳ן דיוואַן אין מיטען צי־מער. ס׳איז געווען צו זעהען, אַז דער טויט איז געקומען מיט שעהנע שעה׳ן צוריק.

די מלבושים זענען געווען אין אונאָרדענונג. דאָס אויסגעקרומטע פּנים פון פערשטאָרבענעם, דאָס ערות געזאָגט, אַז דער אומגליקליכער האָט אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען געזעהען שרעק־ליכע וויזיעס.

שאַרסקי האָט זיך אריבערגעבויגען איבער׳ן טויטען קערפּער, וואַהרשיינליך, כדי צו דערגעהען די סיבות פון דעם טראַגישען טויט. ער האָט מיט׳ן פינגער אָנגעוויזען אויף די בלויע צייכענס, וועל־כע האָבען בעדעקט דעם האַלז פון ברונא ווייס.

— דער מענש איז דערשטיקט געוואָרען, האָט ער פעסטגעשטעלט.

ער האָט ארויסגענומען דעם זייגער פון טאַש און געזאָגט צו טאַובע.

ס׳איז שוין 11 א זייגער, דוכט זיך, אַז איהר דאַרפט פאָהרען אין „אימפּעריאַל"-טעאַטער.

— אמת, ס׳איז שוין באַלד נאָך דער פאָרשטע־לונג, אָבער אַליין וויל איך שוין דאָרט אהין נישט געהען.

שאַרסקי איז אַרויס פון צימער צוזאַמען מיט טאַובע און דעם האָטעל-דירעקטאָר, וועלכער איז געווען אויסער זיך פאַר איבעראַשונג.

— איהר זאָלט דערווייל נישט מאַכען קיין טומעל, ווענען דער גאַנצער געשיכטע ביז די פּאָ־ליציי וועט נישט אַהערקומען האָט שאַרסקי גע־זאָגט. אויף דער גאַס האָט ער זיך געווענדעט צו טאַובען.

— ווילט איהר, אַז איך זאָל דערפיהרען דעם ענין ביזן סוף, חשוב׳ער הער טאַובע?

— געוויס, איך בין אַהן ווערטער, איך האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז דער ענין איז אזוי טראַגיש. איך וועל אייך שוין נישט אַוועקלאָזען פון מיר.

— אָבער צו דער אַרטיסטקע וועט איהר אַליין געהען און אַליין מיט איהר רעדען. אין דעם וועל איך זיך שוין נישט מישען. איך וועל וואַרטען פאַרן טעאַטער ביז איהר וועט פערטיג ווערען. זיי האָבען געזוכט אַנ׳אויטאָ, דערווייל האָט שאַרסקי געזוכט א פּאָסלאַניעץ און איהם איבערגעגעבען פאָלגענדען בריף אַוועקצוטראָגען אין דער אויס־פאָרשונגס-פּאָליציי.

— „איך האָב ענטדעקט א מערדער, וואָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין האָטעל „איידאָ־פּעיסקי" אין צימער 136. אויב ס׳וועט זיך מיר איינגעבען, וועל איך נאָך פאַר האַלבע נאַכט אייך קענען צושטעלען גענויע ידיעות וועגען דער פער־זאָן פון מערדער". זיכער עס אָבער נישט. אונטער־געשריבען דעם בריף האָט פערשטעהט זיך שאַרסקי.

קאפיטעל 3

ווער איז דער שולדיגער?

נישט קוקענדיג אויף דער גרויסער שרעק, מיט וועלכער זי איז בעגעגנט געוואָרען נאָך דער גע־היימנישפולער וויזיט פון יענע עלעגאַנטען מאַן ביי איהר אין גאַרדעראָב האָט די אַרטיסטקע דעם דאָזיגע אָוונט געהאַט א גרויסען ערפאָלג.

די אַרטיסטקע האָט נישט ערלויבט אין זיך צו דערקענען דעם שרעק מיט וועלכען זי איז גע־ווען אדורכגעדרונגען. זי האָט דעקלאַמירט, געזונ־גען און געטאַנצט מיט דער געוועלבער מייסטערהאַפטיג־קייט ווי שטענדיג.

אָבער קוים האָט זי נאָר פערלאָזען די ביהנע, ווען מ׳האָט נאָך געהערט די שטורמישע אַפּלאָדיס־מענטען, האָט אהיא א ציטער געגעבען אויפ׳ן בלוי־זען געזאַנג זיך נאָכמאָל צו טרעפען מיט דעם געהיימנישפולען גאַסט. זי האָט געפיהלט, אַז זי איז איבערגעצייגט אין זיין האַנד און ער קען מיט איהר בעפעהלען.

זי האָט איבערגעצייגט נישט געהערט די קאָמפּלי־מענטען, וועלכע ס׳האָבען געהאַט איצט געמאַכט די אַרטיסטען. דער רעזשיסער און דער טעאַטער־דירעקטאָר. זי איז געלאָפען אין גאַרדעראָב. קוים האָט דאָס גאַרדעראָב-מיידעל באַר אַראָפּגענומען דעם פּוטער אויף איהר באַקעטע הענד, ווי אויף דער שוועל האָט זיך שוין בעוויזען דער מאַן טאַובע.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען מיין נישט דזשענטעלמענישקייט. איך האַלט, אַז איהר דאַרפט זיך איצט איבערטאָן, אָבער זייט רוהיג, איך געה נישט צו דיר, ווען מ׳דאַרף דערמאָהנען די פּרינציפּען פון אַנשטענדיגקייט. איך וועל אייך נישט פערנעהמען צופיל צייט.

זי האָט געבעטען טאַובען, אַז ער זאָל זיך זעצען און האָט אויסגעדריקט איהר גרייטקייט צו פערענדיגען דאָס געשפּרעך, וואָס זיי האָבען אָנ־געהויבען פאַר דער פאָרשטעלונג.

— נו, אפשר קענט איהר מיר יעצט זאָגען, האָט טאַובע געזאָגט, נישט ווייסענדיג ווי אזוי ער זאָל אָנהויבען דאָס געשפּרעך.

— דאָס וואָרט איך דאָך פון אייך געוויסע ער־קלערונגען, האָט די שעהנע אַרטיסטקע געזאָגט, צו וואָס טויג אונז צו פיהרען אַזא שפּיל? איהר ווילט זיך איבערצייגען, ווער צווישען אונז ביידע איז אין אינטיגען מאָמענט מוטיגער און שטאַרקער. וועל איך אייך דערפיהר קלאָר און בינדיג ענטפערען — אין דער לאַגע זענט איצט איהר.

(פאָרטזעצונג קומט)

נאכדעם ווי דער עסטרייכישער קאנצלער דאלפוס האט אונטערדריקט די נאציס

מיר זענען אריבער א שווערע צייט. שווארצע כמארעס פון אנטיסעמיטיזם זענען געלעגען איבער עסטרייך. די רעגירונג דאלפוס האט זיך אבער ארויסגעוויזן שטארקער ווי מען האט תחילת גע־גלויבט. דאס קליינע עסטרייך, וועלכעס האט ביז נישט לאנג גאר א קליינע ראל געשפילט אינ'ם פאליטישען לעבען פון אייראפא, האט בעקומען א שם, מיט וועלכען די גרויסע לענדער, ווי ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען א. אז. וו. הויבען זיך אן היינט רעכענען. אויף דער וועלטווירטשאפטס-קאנפערענץ אין לאנדאן האט דאלפוס נישט בלויז דורכגעזעצט די הלואה פאר עסטרייך, האט מען נישט בלויז דאלפוס'ן אויסגעשפראכען דעם גרעסטען צוטרוי, מען האט מאקי זיך מיט דער עסטרייכישער אינערן־און אויסערן - פאליטיק פערנומען און זעהר לאנגע דעבאטען.

קוים וואס דר. ענגעלבערט דאלפוס איז אהיים געקומען, האט די עסטרייכישע מלוכה אנגעהויבען דורכצופיהרען ראדיקאלע פעראָרדנונגען, הגם אין דערזעלבער צייט זענען פארגעקומען מורא'דיגע מעשים פון די האקענקרייצלער. טאג-טעגליך האט מען געפונען באמבען און פעטארדעס. מען קאן רעדען פון אנ'אומגלויבליך מזל, וואס נישט אלע באמבעס האבען עקספלאדירט. דער חורבן און דאס אומגליק וואלטען געווען קאטאסטראפאל.

דער עסטרייכישער בונדעס-קאנצלער דאלפוס, וועלכער ווערט גערופען דער „נאפאלעאן פון עסט־רייך", האט ער מיט זיין אייזערנעם ווילען און מיט זיין אונגעשראקענעם מוט צושטאנד געבראכט פערטיג צו ווערען מיט א בעוועגונג, וועלכע האט ריקזיכטס־לאז טעראריזירט א לאנד מיט זיבען מיליאן איינ־וואוינער.

אויב דאס אליין וואלט געווען דאלפוס'עס גרויסע טאט, וואלט דאס אליין שוין געווען גרונד גענוג פאר אונז יודען דאנקבאר צו זיין דעם גרויסען פאליטיקער. מיר פערגעסען נישט די ערשטע חדשים פונ'ם יאהר 1933, ווען אויף די ווינער יודען איז געפאלען א פחד און א אימה, און אלעס האט גע־וואלט העגדום-פעגדום אוועק קיין ארץ ישראל. היינט איז די בערוהיגונג אין עסטרייך, מען קאן זאגען, סטאבעליזירט. די האקענקרייצלערישע פער־איינעגונגען זענען אויפגעלעזט, די מאנדאטארען אין דער געמיינדע און אין לאנדטאג זענען אוועקגעיאגט, ביי די פיהרער פון די האקענקרייצלער האט מען אוועקגענומען די פעסער, זיי זענען נישט אימשטאנד צו פערלאזען די גרענעצען פון עסטרייך.

* * *

מיר יודען זענען ווי בעקאנט גוטע פאטריא־טען. מיר ווייסען וואס דאס הייסט דאנקבאר זיין א'לאנד, וועלכע שיצט אונזערע אינטערעסען. און אזוי האט איצט די ווינער יודישע קולטוס-געמיינדע מיט דעם „בונד יודישער פראנט-סאלדאטען". אנ־געשלאסען דער ניי-געגרינדעטער „יודישער פאלקס־פארטיי", און אויך מיט דעם וועלט-ספארט-פערבאנד „מכבי" ארויסגעגעבען אנ'אויפרוף צו בעזוכן די

(פון אונזער ווינער קארעספאנדענט)

עסטרייכישע קור־ערטער. נאצי-דייטשלאנד האט מיט זיין בעקאנטען פעראָרדנונג פון די 1,000 מארק געהאט די אבזיכט נישט בלויז צו באיקאטירען דאס קליינע, ארימע עסטרייך, ניין, נאצי-דייטשלאנד האט געוואלט עסטרייך אינגאנצען רואינירען. אונזער גרויסער אנטיסעמיטישער שכן האט אבער פערגע־סען, אז עסטרייך שטעהט היינט נישט אליין אויף דער וועלט, אלע לענדער פון אייראפא זענען ווי אויף א קאמאנדע ארויסגעטרעטען געגען אזא באר־בארישען געוואלט שטיק.

דער אויפרוף פון דער יודישער פיהרערשאפט אין עסטרייך האט געמאכט ביי דער גאנצער עסט־רייכישער בעפעלקערונג א שטארקען רושם. די צייטונגען פערנעמען זיך מיט דעם ענין און לויבען די ריהרעוודינקייט פון די עסטרייכישע יודען.

די פערזיכערונגס-געזעלשאפט „פעניקס" האט איינגעריכטעט אין איהר צענטראלע א ביורא פאר'ן פרעמדען פערקעהר. אין צווייטען בעציזק געפינט זיך א צייטווייליגע אבטיילונג פאר'ן יודישען עולם. די ארגאניזאציע „קומט קיין עסטרייך" ליגט אין טיכטיגע יודישע הענד. ווען מען קומט ארויף צום „פעניקס" זעהט מען בעהאנגען די ווענד מיט פלאקאטען, וועלכע לאדען איין אין אלע אייראפע־אישע שפראכען עסטרייך צו בעזוכען. מען בעמערקט מענשען, וועלכע קומען זיך אינפארמירען וועגען נסיעות קיין עסטרייך פאר זייערע קרובים פון דעם אויסלאנד. דער „פעניקס" פיהרט דורך אלע קארעס־פאנדענציעס צווישען די האטעלען אין עסטרייך, און די אויטלענדישע רעפלעקטאנטען. אלץ אומזיסט! מען דארף זיך בלויז ווענדען אין „פעניקס" און אלעס ווערט ערלעדיגט. אויף דעם אופן ווערט געמאכט א געוואלדיגע פראפאגאנדע פאר'ן פערקעהר פון אויסלענדער.

פון וויען אויס געהען אוועק בראשורען הויפטזעכליך קיין טשעכיען, פוילען, רומעניען, אונגארן, אין די לענדער, וועלכע האבען פריהער. פאר דעם וועלט-קריג, געהערט צו דער עסטרייכיש־אונגארישער מאנארכיע, און אין וועלכע דאס לענ־דעל עסטרייך איז זעהר גוט בעקאנט. די היינטיגע זעלבשטענדיגע לענדער, וועלכע זענען דעמאלט געווען א טייל פון דער האבסבורגישער מאנארכיע, קענען זעהר גוט עסטרייך מיט זיינע הערר־ליכע שטעדט און קור־ערטער. די זאלצבורגער פעסט-שפילען, וועלכע קומען פאר יעדעס יאהר, און וואו ס'קומען טויזענטער מענשען פון דער גאנצער וועלט, זענען דאס ווערק פונ'ם יוד מאקס ריינהארדט, האבען עסטרייך בעקאנט און בעריהמט געמאכט אין דער גאנצער וועלט.

היינט, ווען די רעגירונג מיט דאלפוס'ן בראש האט זיך אזוי שעהן בענומען לגבי אונז יודען, איז עס אונזערע בעזונדערע פליכט צו ווערבירען פאר עסטרייך. און אזוי איז די איצטיגע לאזונג אין עסטרייך : „קומט קיין עסטרייך"!...

ד. שמיד.

רעזאלוציע פון דער אמסטערדאמער קאנפערענץ וועגען אנטי־דייטשען באיקאט

אמסטערדאם (יט"א) די אמסטערדאמער קאנפערענץ פון יודישע ארגאניזאציעס האט איינ־שטימיג אנגענומען די פאלגענדע רעזאלוציע וועגען דער באיקאט־אקציע געגען דייטשלאנד:

דעלעגאטען פון יודישע ארגאניזאציעס אין פראנקרייך, האלאנד, ענגלאנד, בעלגיען, עגיפ־טען, עסטאניען, פינלאנד, לעטלאנד, ליטע, טשע־כאסלאוואקיי און פעראייניגטע שטאטען, פערזא־מעלט אויף דער ווירטשאפטליכער קאנפערענץ אין אמסטערדאם שטעמפלען ווי אמשארפסטען נאכ'ן בעקענען זיך מיט די בעריכטען מיט די לאנד־קאמיטעטען פאר קאמף געגען היטלעריסטישען אנטיסעמיטיזם און פאר שוץ פון די רעכט פון די יודען, וועלכע ווערען פערפאלגט אין דייטשלאנד— די אנטיסעמיטישע פאליטיק פון דער היטלעריסטי־שער רעגירונג און פראטעסטירען ענערגיש פאר דער גאנצער וועלט־עפענטליכקייט געגען די באר־בארישע מעטאדען, מיט וועלכע עס בענוצט זיך די דאזיגע רעגירונג, כדי אויסצוראטען 600 טוי־זענד יודען אין דייטשלאנד.

פעסטשטעלענדיג, אז די יודען אויף ... גאנ־צער וועלט האבען ספאנטאניש בעשלאסען צו באי־קאטירען דייטשע אויסארבייטונגען. מאניפעסטי־רענדיג אזוי־ארום זייער עמפערונג געגען די פער־פאלגונגען פון זייערע מיטגלויביגע, פרידליכע און ארבייטסזאמע בירגער — מיט א געפיהל פון יודישע און פליכט־בעוואוסטזיין:

בעשליסען זיי פארטצוזעצן און פערשפרייטען דעם באיקאט מיט אלע מעגליכע מיטלען, כל־זמן די דייטשע יודען וועלען נישט צוריקגעשטעלט ווערען אין זייערע פולע רעכט אלס מענ־שען און בירגער.

די דעלעגאטען ווארפען אפ עטשיידען אלע אינטערווענצן, פון וואנען זיי זאלען נישט שטא־מען, צו פערווארפען אדער בעגרעניצען דעם באי־קאט, ווייל זיי זענען איבערצייגט, דאס דער קאמף געגען היטלעריסטישען אנטיסעמיטיזם איז א פרא־גע, וואס אינטערעסירט נישט נאר די דייטשע יד־דען און דאס וועלט־יודענטום, נאר דאס איז א קאמף פאר פערטיידיגען די ציוויליזאציע און דעם וועלט־שאלום.

פעסטשטעלענדיג, אז דער באיקאט, כדי ער זאל זיין ווירקזאם, מוז ער אונטערגעהאלטען ווער־ען דורך אלע לאנד־ארגאניזאציעס און אינטער־נאציאנאלע ארגאניזאציעס אין דער ריכטונג, דאס די דייטשע אויסארבייטונגען דארפען פערבייטען ווערען דורך די לאנד־אויסארבייטונגען אדער א פר־פארירט ווערען פון וועלכען עס איז אנדער לאנד א חוץ דייטשלאנד. ווענדעט זיך די קאנפערענץ מיט א באדרינגליכען אפעל צו אלע יודען אויף דער גאנצער וועלט, זיי זאלען פערווירקליכען אין יעדען לאנד די אחדות פון יודישע כוחות און קאר־אָרדינירען זייערע בעמיהונגען, אבסערווירענדיג פון אלע פאליטישע מיינונגס־פערשידענהייטען און האקטרין־אונטערשיד, כדי אין גייסט פון סאלידארי־טעט און ברידערליכקייט צו פערטיידיגען דעם יוד, דעם צוקונפט פון יודענטום און פון וועלט־שלום.

ירוחם דער ערפינדער

א בעקאנטע פיגור איז סאוויעט־רוסלאנד

(א בילדעל פון סאוויעטיש־יודישען לעבען)

אין ראטען־פערבאנד זוכט מען מיט אלע מיט־לען, אז די ארבייטער זאלען מאכען ערפינדונגען. אין יעדער שטאט זענען דא ספעציעלע ערפינדער־ארגאניזאציעס. עס איז דא א מלוכה־געזעץ וואס פאדערט, אז יעדער ארבייטער, וואס האט אנ'ער־פינדונג, זאל גלייך קריגען פולע אויפמערקזאמ־קייט. דאס ווערט געטון אי כדי צו העלפען דער שעפערישקייט פון די ארבייטער, אי כדי צו פערבע־סערען און בילינער מאכען די טעכנישע זייטען פון דער אינדוסטריע.

אין קיעוו, וואס איז נישט די סאמע אינדוסטריע שטאט אין ראטען־רוסלאנד זענען ביי די פערשיי־דענע פאבריקען און זאוואדען ארגאניזירט נישט ווייניגער ווי 12000 ארבייטער־ערפינדער. ביי דעם אלעם זענען נאך אלץ דא שוועריגקייטען אין ראטען־פערבאנד פאר אנ'ארבייטער ערפינדער צו־צוקומען אהין, וואו מען דארף איבערקוקען זיין אויפטו. עס פאסירען אויך פאלען, וואו דער ער־פינדער ווערט נישט אנערקענט געגוג, אדער ער קריגט נישט די בעלוינונג, צו וועלכער ער איז בער־עכטיגט.

וועגען אזא פאל בעריכטעט דער כארקאווער „שטערן".

דארט ווערט דערצעהלט די צרות פון ירוחם דעם ערפינדער, וואס וועגען איהם איז שוין עטליכע מאל געשריבען געווארען אין דער עפענט־ליכקייט.

ווער איז ירוחם דער ערפינדער?

דאס איז א בערדיטשעווער שוסטער, שוין אנעלטערער מענש, וואס זיין קאפ ארבייט זעהר גוט, און שטענדיג איז אט דער קאפ פערנומען מיט עפעס א נייעם איינפאל, און דווקא זענען דאס גאנץ גוטע איינפאלען, פול מיט פראקטישען און וויכטיגען נוצען.

אזוי האט ירוחם דער שוסטער פון בערדיטשעוו נאך אין יאהר 1926 אויסגעפונען אזא ספעציעל שיפעל, ווי אויך א גארטעל, וואס מאכען כמעט אוממעגליך, אז דאס שיפעל אדער א מענש זאל זינקען. מיט דער הילף פון ירוחמ'ס גארטעל קאן מען נישט נאר פריי האלטען זיך אויפ'ן וואסער, נאר אפילו גיין, מיט אייך ווארט — ירוחם האט שוין א סטאטוס ווי אנ'ערפינדער. און דאך האט ירוחם שוועריגקייטען. פאר זיינע ערפינדונגען קריגט ער נישט בעלוינט, כאטש מען האט זיי דווקא אנערקענט און זיי זענען שוין אריין אין דער פראקטיק. מאכט ער א נייע ערפינדונג, קומט איהם אן שוועער, מען זאל איהם אויסהערען דארט, וואו מען דארף.

דער כארקאווער „שטערן" פאדערט, אז צו אט דעם אונדערלאזבארען צושטאנד זאל בעמען א סוף.

דער רוף פון הערפער

סענסאציאנעל-ערטישער ראמאן

55)

גיוסאן האט געענטפערט צו סעווערינאן.

זי איז געשלאפען, און דער שלאף איהרער איז געווען א רוהיגער, א געזונטער, ווי די אומשולד אליין.

שוין זשע איז אט די דאזיגע פרוי, דיזעלבע, וואס ער האט געזעהען פאר זיך אנ'אויסגעצויגענע. אויפ'ן רויטען דעק אינ'ם צימער, אין וועלכען ער האט זי געשיקט אין איגעם פון די זוניגע זומער־דיגע טעג בעת זיי האבען זיך בעגעגענט אויפ'ן טעניס-פלאץ?

שוין־זשע איז ער אין אט דעם מאמענט געווען דערזעלבער מענש, וועלכער האט געקאנט ענטפער־רען אויף דעם בעטען זיך רחמים פון סעווערינא'ן מיט א גארנישט־זאגענדיגער האנד־בעוועגונג?

אט־די האנד־בעוועגונג האט עס בלוטיג גע־טראפען פיערן אין שלייף אריין...

ער האט צארט א גלעט געטון סעווערינא'ס האהר, אריינגעטראגען די ווייכסטע דעק און ליב־ליך זי צוגעדעקט — פונקט זי וואלט געווען זיין אייגענע, בלוטיגע, טויט־מידע שוועסטער.

מיט א נישט איבערגעריסענעם שלאף, איז סע־ווערינא אפגעשלאפען ביז ביין אינדערפריה.

זי האט זיך אויפגעוועקט און דערפיהלט, אז דער גוף איהרער האט זיך אויסגערוהט, און אז די כוחות האבען זיך איהר צוריקגעשטעלט.

באלד אבער האט עס איהר שטארק פערדראסען וואס זי האט זיך דערלויבט, וואס זי האט זיך דער־לויבט אויף די שעה'ן פון אשרות.

ווידער האט זי ארומגעכאפט די אומרוהיגקייט פאר'ן גורל פונ'ם מענשען — פון פיער'ן, וועלכער איז פאר איהר איינציג געווען און טייער.

דאס אלץ, וואס האט זי געצוואונגען צו קומען צו גיוסאנען האט זיך איהר אויסגעוויזען צו זיין קליינליך און נישטיג.

דערמאהנענדיג זיך וועגען דעם נעכטי־גען געשפרעך מיט איהם, וועלכער האט זיך איהר פריהער אויסגעוויזען צו זיין אזוי פיל בעדייטענד — האט זי גארנישט, חוץ חרפה, נישט געפיהלט.

דאס איז דאך געווען בלויז שוואכקייט,.. צערודערטע נערווען...

עס איז אריינגעקומען גיוסאן.

אויך ער האט זיך נישט גוט געפיהלט.

אויך איהם איז געלונגען איינצושלאפען.

די שאטענס פון נעכטען זענען פונאנדערגער־שוואומען, דאס לעבען (האט געמאכט א שריט פאראויס, און אלץ ... אנגענומען אנ'...ער אויסזעהען.

פון ווערטער און זשעסטען, וועלכע האבען איהם געגעבען די מעגליכקייט אריינצובליקען אין די גרויסע און רעטענישפולע סודות פון לעבען, איז קיין שפור נישט געבליבען : די ביידע זענען נישט געווען אימשטאנד אפצוגעבען זיך אין רשות פון העכערע געפיהלען.

— איך האב זיך אינפארמירט — האט ער גע־זאגט — די' לעבען דראהט נישט קיין געפאהר. ער איז געוו...ן צו זיך, אבער...

סעווערינא האט נישט געהערט זיינע ...ער־דיגע רייד.

פיער איז געקומען צום בעוואוסטזיין, און זי איז נישט געווען אנוועזענד דערביי, נישט געזען, בעת עס האבען זיך אויפגעוועקט די ערשטע פונקען פון זיין בעוואוסטזיין.

ווי ער האט זי געמוזט אפווארטען...

דעם גאנצען וועג האט זי געטראכט, אז פיער וועט א שמייכעל טון ביי איהר אנקומען, און ווי ער וועט זיך א ציה טון צו איהר.

זאל זיין, אז דער אויסדרוק פון זיינע בעוו־לאנגען וועט זיין א שוואכער און א הילפלאזער — זי וועט איהם אבער פערפולען אין איהר פאנ־טאזיע, און... ליינדערען זיינע יסורים.

עס האט געקומען א סוף צו איהר דערנער־וועג.

ער וועט געזונט ווערען און זי וועט איהם אפ־פיהרען אהיים.

עס וועלען ווידער אנקומען טעג, ווי יענע, וואס זיי האבען פערבראכט אינ'ם שאטען פון גרוי־סע בוימער — די טעג פון זארגלאזער שפילעוודיג־קייט אויפ'ן ברעג ים, טעג פערבראכטע אין טבע־בערעקטע בערג.

ער וועט שמייכלען צו איהר, און פרייגדליך אויסשטרעקען זיין האנד...

פיער'ס אויגען זענען געווען אפען, אבער ער האט נישט דערקאנט סעווערינאן.

און אפשר האט זיך עס איהר נאר אזוי אויס־געוויזען, ווייל אנדערש האט זי זיך גארנישט גע־קאנט פארשטעלען דעם אבסאלוטען מאנגעל אין געדאנק פון דעם אויסדרוק פון די אויגען זיינע קיין שום סימן אומרוהיגקייט, וואס איז קענטיג אפילו אין אנ'אפשטארבענדען גוף, ביי דער דערנעהענטער־רונג פון א געליבטען מענשען.

פיער האט זי נישט דערקענט — און דאס איז פאר סעווערינאן געווען א שרעקליכער קלאפ. דער דאזיגער קלאפ איז אבער בעוואוסט ווינציגער

גרויזאם, ווי דער, וואס האט איהר א ווילע שפע־טער געטראפען אין סאמע הארץ אריין.

זי האט זיך איינגעבויגען צו פיער'ן, און בע־מערקט אין זיינע אויגען אנ'אפגלאנץ פון גרעניצ־לאזען פערדרוס און רוף.

דער דאזיגער רוף האט דאך בלויז צו איהר געקענט געווענדעט זיין!

טא פארוואס זשע אזא שרעקליך, שווייגען, אזא פיינליכע פערגליווערטקייט?

סעווערינא איז אפגעשפרונגען אויף צוריק און האט געווענדעט די בליקען צו דער קראנקער שוועסטער און דעם דאקטאר.

זיי האבען ארויסגעלאזט די קעפ.

— פיער!.. פיער!.. טייערער! — ... אויסגעשריגען, און די ווערטער איהרע האבען גע־קלונגען, ווי א געבעט — איך בעט דיך... איין ווארט... איין ווארט נאר....

— טוט זיך אן א כוח צוליב איהם... איך בעט אייך. — האט זיך דער דאקטאר אונטערגעשלא־סען אפגערופען — איך מיין, אז ער הערט...

— וואס איז מיט איהם? — האט סעווערינא געשלוכצט — ניין, ניין... ער הערט נישט!...

שוין־זשע האבען די דאזיגע מענשען ביי זייערע אלע קענטענישען, געוואוסט מעהרער, ווי זי?

ניין, זי, נאר זי אליין האט געקאנט אריינדרינ־גען אין דעם סוד פון דעם דאזיגען פנים, און בעגרייפען זיין יעדען קנייטש.

זי האט בעהעפט די שרעק, וואס האט זי ארומגעכאפט, און צוגעגאנגען צו פיער'ס געלעגער און צוגעצויגען זיין קאפ צו זיך.

די כוחות האבען זי אבער פערלאזט, און זי איז געווען געצוואונגען זייער אוועקצולייגען דעם קאפ אויפ'ן קישען.

גארנישט האט זיך געענדערט אין זיין פני — ווי פריהער איז עס געווען פערגליווערט.

(פארזעצונג קומט)

זשאבאטינסקי און בן-גוריון

וואס ביידע זאגען וועגען ציוניסטישער ארבייט

ספעציעלער אינטערוויאו מיט די ציוניסטישע פיהרער

וול. זשאבאטינסקי

וו א ר ש א, (יט"א) מאנטאג אוונט איז ה' וול. זשאבאטינסקי אפגעפאהרען קיין פאריז. פאר'ן פערלאזעןווארשא האט ה' זשאבאטינסקי ערטיילט אנ'אינטערוויאו דעם פארשטעהער פון יט"א און איז משך פון געשפרעך ערקלערט צוו. אנד.:

איך האב נאך ניטט קיין גענויע ציפערן. עס שיינט אבער שוין איצט צו זיין זיכער, אז די הויפט-זארג פון קאנגרעס וועט בעשטעהען אין דער געפאהר פון א העגעמאניע פון לינקען פליגעל. אויב די לינקע זאלען זיין ביכולת צו שאפען א „נומערישע מעהרהייט" אליין אדער מיט דער הילף פון געוויסע וויצמאן-עלעמענטען — וועט עס למעשה בעדייטען די אפשטויסונג פון אלע איבעריגע פראקציעס און יעדער אינטערעס פאר דער אקטיוויטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פערלויף פון די נעכסטע צוויי יאהר; אין דעם פאל וועלען אויך אונגעהויער ליידען די קרנות.

אויב ווידער עס וועט נישט קומען צו קיין לינקער מעהרהייט, דאן מעגען מיר ערווארטען פערשידענע פרובען צו שאפען א ברייטערן יודענשטאאט-פראנט מיט א שטארקער אנטי-קלאסען-קאמף-טענדענץ.

אויב אזא פראנט וועט געשאפען ווערען און וועט זיך ארויסווייזען צו זיין גענוג שטארק צו וועהלען א יודענשטאאטלער-עקזעקוטיווע, וואס אין דעם פאל וועט נאטירליך, דער נייער קורס אין דער ציוניסטישער בעוועגונג זיך דארפען אויסדריקען אין קלארע רעזאלוציעס — דאן זעה איך נישט קיין גרונד, מחמת וועלכען די רעוויזיאניסטען זאלען, אויב דאס וועט זיך פאדערן, נישט ארייננטרעטען אין אזא עקזעקוטיווע.

איך וויים, אז יעדער ערווארט א זעהר טומעלדיגען קאנגרעס; איך בין אבער מפקפק אין דעם נישט אזוי זיכער. נאטירליך וועט נישט ערלויבט ווערען קיין שום פרוב צו מאכען „בלוט-בלבולים"; איך בין אבער שטארק מסופק, צי אין פראג וועט ווער עס איז פרובען זיך אנגאזשירען אין אזא מין שנהנרעדעריי. איך וואלט דעריבער נישט געוועזען איבערראשט, אויב דער דאזיגער קאנגרעס וועט זיך ארויסווייזען אלס איינער פון די רוהיגסטע, — לכל-הפחות ביז די לעצטע עטליכע טעג, ווען די לינקע וועלען, אנהויבען זיך אפגעבען א חשבון, אז זייער זאך איז א פערשפילטע (סיידען זיי וועלען האבען נומעריש אנ'אבסאלוטע מעהרהייט).

וואס שייך דער פערזאן פון נייעם פרעזידענט: אויב דער לינקער פליגעל וועט זיגען, וועט עס נאטירליך בעדייטען דעם צוריקקעהר פון דר. וויצמאן און דער חורבן פון דער בעוועגונג. אין פערקעהרטען פאל קען איך בלויז זאגען איין זאך: איך גלויב נישט, אז עס זאל ווידער קענען זיין ה' סאקאלאוו, וועלכען עס פעהלט וועניגסטענס איין וועזענטליכע אייגענשאפט פאר דער דאזיגער פונקציע – לאיאליטעט לגבי זיינע אונטערשטיצער.

ד. בן-גוריון

וו א ר ש א (יט"א) אין אנ'אינטערוויאו פאר דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור האט ה' ד. בן-גוריון ערקלערט:

לויט די וואהל-רעזולטאטען אין די וויכטיגסטע לענדער — פוילען, ארץ-ישראל און אמעריקא — איז קלאר, אז מיר וועלען זיין די גרעסטע גרופע אויפ'ן קאנגרעס, וואס עס וועט אונז אין א גרויסער מאס מאכען פעראנטווארטליך פאר'ן גאנג פון קאנגרעס.

דער קאנגרעס וועט אין א גרעסערער מאס ווי די פריהערדיגע, זיך דארפען בעשעפטיגען מיט אינערליכע פראגען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע וועט מוזען געשטארקט און קאנסאלידירט ווערען, און ענערגישע מיטלען וועלען אנגענומען ווערען צו פערשטארקען איהר דיסציפלין, איהר מאראלישען און פאליטישען אנזעהן.

עס וועט דארפען געמאכט ווערען אנ'ערנסטע אנקעטע וועגען דער האלטונג פון געוויסע גרופען, כדי פעסטצושטעלען אויף וויפיל זייער אויפפיהרונג איז פעראייננבאר מיט דער צוגעהעריגקייט צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

מיר ווילען איינשליסען אלע פארטייען, מיט'ן אויסנאהם פון די רעוויזיאניסטען, אין א קאאליציאנס-רעגירונג. אונטער קיין שום אומשטענדען וועלען מיר נישט מיטארבייטען מיט א פארטיי פון שטרייק-ברעכער און ארבייטער-העצער.

די פראגע פון קינפטיגען פרעזידענט פון דער ארגאניזאציע איז נאך פריהצייטיג צו בעשפרעכען. ביי אונז איז די הויפט-פראגע נישט די פערזאן, נאר דאס פראגראם און לייסטינגס-פעהיגקייט.

יודישע לוין-ארבייטער אין סאוויעט-פערבאנד

מ א ס ק ו ו ע, (י. ט. א.) אינטערעסאנטע ציפער וועגען דער צאהל און וואוקס פון דעם יודישען פראלעטאריאט אין סאוויעט-פערבאנד ענטהאלט די סטאטיסטישע ארבייט „יודען פראלעטאריער אין ס.ס.ס.ר." פון ל. זינגער, וואס איז די טעג ארויס פון דרוק אין פערלאג „עמעס", מאסקווע.

אין פראצענטען דריקט זיך אויס דער סאציאלער בעשטאנד פון דער יודישער בעפעלקערונג אזוי: ביז דער רעוואלוציע איז אויף דער טעריטאריע פון איצטיגען סאוו עט-פערבאנד געווען: יודען אינדוסטריעלע ארבייטער 4 פראצ. פון דער אלגעמיינער יודישער בעפעלקערונג, ארבייטער אין דער געווערב-אינדוסטריע 11 פראצ. פויערים – 2,2 פראצ., האנדווערקער – 18.4 פראצ. אנגעשטעלטע – 10 פראצ., הענדלער, נישט ארבייטענדיגע, ארבייטסלאזע 54,4 פראצענט.

אין 1930 יאהר: אינדוסטריעלע ארבייטער – 16,3 פראצ., אין דער קוסטאר-אינדוסטריע – 2,6 פראצ, פויערים – 11,1 פראצ.. האנדווערקער – 22.1 פראצ., אנגעשטעלטע – 27,8 פראצ., הענדלער – 2,3 פראצ., נישט-ארבייטענדיגע – 3,3 פראצ., ארבייטסלאזע – 4.6 פראצ., מלוכה-פענסיאנערען – 6.9 פראצענט.

אין דעצעמבער 1926 יאהר איז אין סאוויעט-פערבאנד געווען 394 טויזענד יודען-פראלעטאריער (לוין = ארבייטער), אין 1931 – 787 טויזענד, ד. ה. כמעט פערדאפעלט די פראלעטאריזירונג פון די יודישע מאסען איז אמשנעלסטען פארגעקומען אין ערטער, וואו יודען איז פריהער פערבאטען געווען צו וואוינען. דאס ערקלערט זיך דערמיט, וואס פון די קליינע שטעטלעך איז די יוגענד געפאהרען אין די גרויסע שטעט אריין. פון ווייסרוסלאנד הויפטזעכליך קיין לענינגראד, פון אוקראינע – קיין מאסקווע.

פון די קארגע 800 טויזענד יודישע לוין-ארבייטער איז אין אנהויב פון 1931 יאהר געווען: אינדוסטריעלער ארבייטער 342 טויזענד, אנגעשטעלטע און אנדערע לוין-ארבייטער–4,15 טויזענד מאן (לוין-ארבייטער, בעשעפטיגטע אין דער לאנדווירטשאפט נישט אריינגערעכענט).

העכער צוויי דריטעל פון אלע יודישע ארבייטער זענען בעשעפטיגט אין אינטערנעהמונגען, וואס געפינען זיך אין שטעט מיט א בעפעלקערונג פון העכער 100 טויזענד איינוואוינער, אויפ'ן צווייטען ארט קומען מיטעלע שטעט און אויפ'ן לעצטען ארט די קליינע שטעטלעך. פרויען בעטרעפען א דריטעל (36%) פון דער אלגעמיינער צאהל יודישע ארבייטער, פון אלע יודישע ארבייטער האבען בלויז 5 פראצענט ארויסגעוויזען זיך אלס אנאלפאבעטען, אין דער מעהרהייט – פרויען. פון וועמען בעשטעהט די יודישע ארבייטערשאפט: ארום 60 פראצ. פון ארבייטער-קינדער, עטוואס מעהר פון 20 פראצ. פון האנדווערקער-אפשטאמונג, מעהר פון 10 פראצ. זענען קינדער פון אנגעשטעלטע, און די איבריגע – פון אנדערע גרופען. דער גראד פון דער קוואליפיקאציע צווישען יוד. ארבייטער דריקט זיך אויס אין פאלגענדע ציפערן: הויך-קוואליפיצירטע און קוואליפיצירטע ארבייטער – 38 פראצ.. איבער 40 פראצ. האלב-קוואליפיצירטע, נישט קוואליפיצירטע אדער שווארצארבייטער – ארום 14 פראצענט.

פערגלייכענדיג די סטרוקטור פון די יודישע אינדוסטריעלע ארבייטער מיט דער סטרוקטור פון די נישט-יודישע ארבייטער, זעהט מען, אז די צאהל פרויען-ארבייטערינס איז צווישען יודען קלענער, ווי צווישען נישט-יודישען פראלעטאריאט. דאס ערקלערט זיך דערמיט, וואס דער פראצעס פון אריינציהען די יודישע פרוי אין דער אינדוסטריע האט זיך אנגעהויבען ערשט נאך דער רעוואלוציע, אין דער צייט, ווען די נישט-יודישע פרוי איז שוין לאנג געווען בעשעפטיגט אין דער פראדוקציע.

די ציפער, וואס ווערען געבראכט אין זינגערס ווערק קאנען נישט אנגענומען ווערען אלס אויסשעפענדיגע, ווייל זיי פערענדיגען זיך מיט'ן 1931 יאהר. פאר די לעצטע צוויי יאהר איז שטארק אויסגעוואקסען די צאהל פון אלגעמיינעם פראלעטאריאט און דערונטער אויך פון יודישען פראלעטאריאט, בעזונדערס האט זיך זייער צאהל פערגרעסערט אין דער מעטאלורגיע, אין דער שווערער אינדוסטריע בכלל און טראנספארט. איין מיליאן יודישע לוין-ארבייטער, דערפון העכער 600 טויזענד אינדוסטריעלע ארבייטער, איז, ווי עס שאצען סטאטיסטיקער, נעהנטער צו דער ווירקליכקייט.

קאנקורענצלאזער
פילם-רעפערטואר
פון קלאנג-קינא-טעאטער
„CAPITOL"
ביז'ן 31 יולי ד. י. איז דאס קינא צוליב'ן רעמאנט נישט טעטיג.
קירצליך!
„עקסטאז"
„זון פון דער דזשונגלי"
„ZUZANNA LENOX"
„BURŁAK ARTEM"
Dr. MOREAU
„ווען כ'וואלט געהאט א מיליאן"
„דאס ליד פון דער נאכט"
„גאלדענע נעץ"
„ליצטאציע פון ליבע"

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאנא 4, טעל. 90-216
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע. אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
נעמט אן פון 8–2 און פון 5–9 אוונד
בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען.

שא, פאריז שלאפט...

קארעספאנדענץ פון פאריז פון נ. פראנק.

פאריז ארבייט שווער און האט רעכט זיך אויסצושלאפען, ווי עס געפעלט איהם.

דאס הולטייסקע פאריז האט גארנישט וואס צו טון מיט פאריז, וואס ארבייט. אט די פערדאכטיגע מענשעלעך, וואס ליגען איבער גאנצע טעג אין די קאפעס און מען פרעגט זיך ווען זיי ארבייטען, האבען קיין שום שייכות נישט מיט די, וועלכע שטעהען אויף באגינען צו דער ארבייט.

א ריכטיג בילד פון פאריז וואס ארבייט, זעהט מען באגינען אין מעטרא, ביי די צוגען פון דער אומגעגענד, און אין אוונד, ווען דאס פאלק, וואס ארבייט, שיט זיך צוריק ארויס פון די אטעליעס, פון די ביוראס, פון די „שוויצארניעס". א מענש, וואס קען זעהן דאס בילד און עס פערשטעהן, האט געזעהן פאריז ביי דער ארבייט.

פאריז וויל ביינאכט זיך אויסרוהען.

פרעפעקט קיאפ ווייסט גאנץ גענוי, אז א פראנצויז טאר מען נישט שטערען בעתן עסען און בעתן שלאפען. ער בעמיהט זיך דעריבער צו שענקען פאריז וואס שטילערע נעכט. די מירע שטאדט זאל קענען מיט אן אויג צומאכען. האט קיאפ געבראכט דערצו, אז די אויטאמאבילען זאלען ביינאכט נישט פייפען און נישט קוויטשען און זאלען זיך שארען – ווי אויף לאטשען – אין דער שטילקייט פון דער נאכט. ער וויל, אז די, וואס שלאפען נישט, זאלען געהן אויף די שפיץ פינגער און נישט שטערען אין שלאף די, וועלכע שלאפען יא. דער פרעפעקט ארבייט, אז ביינאכט זאל פאריז זיין שטיל, אז אלץ זאל זיך טון אין נאכט-ריטם, אין מורמעל-טאן.

געשמאק שלאפען איז איינס פון די עשרת הדברות פון פראנצויז. זיין שלאפצימער איז דאס קדשי קדשים פון זיין שטוב. דער דאזיגער עולם הזה'ניק גליטשט זיך אריין אין בעט, ווי אין די ארימס פון א גוטער און ליבער פרוי.

• • •

אין אלע קווארטאלען, וואו אויסלענדער וואוינען אין א גרויסער צאהל, קומט פאר א שטילע, אבער שטענדיגע מלחמה צווישען דער הויזוועכטערין און לאקאטאר אויפ'ן געביט פון שלאף. די פראנצויזישע הויזוועכטערין, וועלכע איז די אבהיטערין פון דער פראנצויזישער גוטער און בורזשואזער טראדיציע, בעקעמפט ביטערליך פון אנהויב, איהרע אויסלענדישע לאקאטארען, וועלכע ווייסען נישט פון קיין שלאף-דיסציפלין, ווייל זיי אליין שלאפען נישט, לאזען זיי יענעם נישט שלאפען. שפאצירען ארום שפעט ביינאכט אין די גאסען, רעדען הויך, שרייען, געוואלדעווען און לאזען מענשען דאס אויג נישט צומאכען. א פראנצויז געהט אין קינא און דערנאך קומט ער גלייך אהיים, נישט פערלירענדיג קיין איין מאמענט. א יוד מאכט נאך א שפאציר אין קאפע, טרעפט זיך מיט א בעקאנטען, כאפט א שמועס, מאכט א געשעפטעל, גרינדעט א פעראיין און האט גלאט נישט קיין חשק צו געהן „אזוי פריה" אהיים. ס'רוב ענדיגט זיך די מלחמה מיט א פולשטענדיגער רעזיגנאציע פון דער הויזוועכטערין.

א מאדנער מענש איז דער יוד:

זאגט איהם. למשל, אז ער שטערט יענעם צו שלאפען מיט זיינע כסדר'ריגע שפאצירען ביינאכט איבער די קווארטאלען, וועט ער אייך אנקוקען בייז, ווי מ'וואלט אידהם בע'גזלט פון זיין פרייהייט. אין זיין עגאאיזם וויל ער נישט פערשטעהן, אז אין נאמען פון זיין אינדיווידועלער פרייהייט רויבט ער ביי זיין שכן אוועק די פרייהייט. ער וויל זיך נישט פערשטעהן, אז זיין פריי הייסט רעספעקטירען יענעמס פרייהייט אויך. פרייהייט מוז קומען מיט זעלבסטדיסציפלין, מיט טאלעראנץ, מיט רעספעקט צו יענעם אויך.

אין איטאליען פלעגט דער פערליבטער קומען צו זיין געליבטער'ס פענסטער מיט א „סערענאדע". אין פאריז האבען די פערליבטע קיינמאל אזא קאנצערט נישט פערלאנגט. איצט אוראי נישט. די שכנים וואלטען בעלוינט אזא פערליבטען מיט א טאפ וואסער און נישט קיין ריינס. פראנצויזען קוקען שוין לאנג נישט אויף דער ליבע ווי די דיכטער פון איטאליען. א פראנצויז ווייסט, אז ער געהט אריין אין א בעט צו שלאפען. ער נויטיגט זיך נישט אין „סערענארעס", אין קיין נאכט-מוזיק. פראנצויזען זענען בכלל נישט קיין זעהר מוזיקאלישע פאלק. א פראנצויזיש מיידעל וויל בעסער, אז אן אויטאמאביל זאל אונטען אויף איהר ווארטען, ווי א דיכטער. די קוויטשעריי פון אויטאמאביל איז ביי איהר פיעל מוזיקאלישער, ווי די פערזען פון א דיכטער, א קבצן.

טיילמאל געהסטו ביינאכט אין גאס און הויבסט אויף דעם קאפ צו די פענסטער. אלע זעהען זיי אויס ווי פערמאכטע אויגען. פלוצלינג לייכט זיך איינער אויף. קענסט זיך וועטען מיט ניינציג שאנסען געגען הונדערט, אז דארט וואוינט אן אויסלענדער, און דער אויסלענדער איז ביין און ניינציג פראצענט א יוד.

אין אלגעמיין שלאפט א יוד לענגער ווי א פראנצויז. ער לעגט זיך אבער פיעל שפעטער. א יוד וואס האט ליב צו כאפען אן איבעריגען שלאף הייסט „פעפער". עס איז בעליידיגענד.

צווישען די פיעל אויפגאבען, וואס קיאפ האט צו דער שטאדט פאריז, איז איהר לאזען שלאפען. „די נאכט-זאגט א פראנצויז – איז געגעבען געווארען זיך אפצורוהען און די רוה איז הייליג".

דאס איז דער פרינציפ, וואס דער פרעפעקט זוכט אריינצובריינגען אין לעבען. אויסגעשלאפענע מענשען ארבייטען בעסער, זענען רוהיגער ווי אוניאויסגעשלאפענע.

דער יוד איז בכלל אינדיווידועל און אז מ'וויל איהם נויטען צו שלאפען אין א בעשטימטער שעה וויל ער זיך דוקא נישט לאזען מוסטירען, ווי א זעלנער. אייגענטליך צווינגט איהם קיינער נישט זיך צו לעגען פריה שלאפען. מע פאדערט נאר פון איהם, אז ער זאל יענעם נישט שטערען אין זיין פערגעניגען.

שא, פאריז שלאפט.

טעלעגראמען

דער קאמף צווישן דער אנטיסעמיטישער און נישט-אנטיסעמיטישער פאשיסטישער ארגאניזאציע אין ענגלאנד

לאנדאן (יט"א) אין ענגלאנד זיינען איצט פאראן 2 פאשיסטישע ארגאניזאציעס, וועלכע באנוצן זיך מיט איין אוניפארם—שווארצע העמדלעך.

איין ארגאניזאציע די א. נ. „בריטישע פאשיסטען" האט א בולט אנטיסעמיטישן כאראקטער, באנוצט זיך מיט'ן צייכען פון האקענקרייץ און ווערט וואהרשיינליך פינאנסירט פון בערלין.

די צווייטע ארגאניזאציע — „בריטישע פאשיסטן-אוניע" אונטער דער אנפיהרונג פון סיר אסוואלד מאסליי באנוצט זיך מיט'ן צייכען פון די איטאליענישע פאשיסטען און גרענעצט זיך אפ פון אנטיסעמיטישע טענדענצן.

די אנטיסעמיטישע פאשיסטען באשולדיגען די מאסליי-אנהענגער, דאס די לעצטע האבען אויסגעפיהרט אן איבערפאל אויף דער צענטראלע פון די בריטישע פאשיסטען.

די ביידע ארגאניזאציעס זיינען נישט צאהלרייך און צעהלען ווייניגער ווי צו 1000 מיטגל.

וועגן היטלעריסטישען געפאהר אין עסטרייך

ווין. (יט"א) די קריסטליכע פארקעמפער פון געגען דעם אנטיסעמיטיזם אין עסטרייך פרוי אירענא האראנד, די פערפאסער'ין פון דער בראשור דער „אמת וועגן אנטיסעמיטיזם" האט אין א געשפרעך מיט'ן יט"א-פארשטעהער וועגן נאציאנאל-סאציאליסטישען געפאהר פון עסטרייך ערקלעהרט צוו. אנד.:

א דאנק די ענערגישע שריט פון דער דאלפוס-רעגירונג אין דער האקענקרייץ אפגעשטויסען געווארען. די נאציאנאל-סאציאליסטישע געפאהר איז נאך אבער נישט פארביי. די היטלעריסטען זעצען פאר זייער אונטערערדישע ארבייט. עס איז נישט, וואס מורא צו האבען, אז די פאלקסשטימונג וואס איז איצט פאר דער רעגירונג, וועט זיך ענדערען לטובת די נאצים, אויב דער דאלפוס-רעגירונג וועט געלונגען צו לינדערען די אונגעהויערע נויט פון דער באפעלקערונג.

פרוי האראנד איז טיף איבערצייגט, אז דאס עסטרייכישע פאלק איז נישט אנטיסעמיטיש, נאר בלויז אונטערגעהעצט. די אויפקלערונג, ווי פרוי האראנד האט זיך פערזענליך איבערצייגט בעת איהרע רעפעראטען אויף דער פראווינץ, מאכט וואונדער. די דייטשע גרויל-טאטען האבען אין עסטרייך געמאכט א טיפען איינדרוק, די יודען ספעציעל פאלגענען ווערען אלגעמיין פעראורטיילט.

דער ווייטערדיגער קאמף געגען ראסען-האס אין עסטרייך איז — לויט דער מיינונג פון פרוי הארראנד ענג פארבונדען מיט דער ווירטשאפטליכער הילף פאר עסטרייך, מצד דער גאנצער ציוויליזירטער מענשהייט, פון דער ענטוויקלונג פון עסטרייכישען עקספארט און דער טוריסטען-באוועגונג קיין עסטרייך. גלייכצייטיג ווערט פארגעזעצט די ברייטע אויפקלערונגס-אקציע געגען אנטיסעמיטיזם.

וואס ד"ר הערצעל האט מיט 30 יאהר צוריק פערהאנדעלט מיט'ן צארישען מינ. פאן-פלעווע

(ענדע פון 3-טע זייט).

קלערט, אז איך וועל מיך נישט מאכען אזוי לעכערליך — נישט צו פאהרען איצטער קיין ווילנע, נאכדעם ווי איך האב עס שוין אנגעזאגט, און כדי פטור צו ווערען פון ד"ר ברוק'ען האב איך איהם געזאגט: „צוליב פארזיכט, אנגעשיקט פאר-אויס קיין ווילנע צו ערקונדיגען זיך וועגן די אומשטענדען".

דעם 2. אויגוסט איז הערצל אוועקגעפאהרען פון פעטערבורג צוריק קיין אויסלאנד. אונטערוועגס האט ער זיך אויף א האלבען טאג אפגעשטעלט אין ווילנע. די דארטיגע אדמיניסטראציע האט נישט ערלויבט קיין עפענטליכען באנקעט לכבוד דעם ציוניסטישען פיהרער. געהיימע אגענטען האבען אין ווילנע נאכגעשפירט ד"ר הערצעלס יעדען שריט; די פאליציי האט געטריבען די יודען, וואס האבען אויף די גאסען מאסענווייז געווארט אויף זיין דורכפאהר. הערצל האט בלויז געקאנט בעזוכען די ווילנער „צדקה גדולה", וואו עס האבען איהם בעגעגענט די פארשטעהער פון דער קהלה און די רבנים, אויך פערטרעטער פון די ציוניסטישע פעראיינען און געזעלשאפטליכע אנשטאלטען. דעם אווענד האט ער פערבראכט אין אינטימען קרייז פון די ווילנער ציוניסטען און כלל-טוער. די הארציגע פערעהרונג, וואס הערצל האט דא געשפירט. די אומגעוועהנליכע בעגייסטערונג, מיט וועלכער מאסען מענשען האבען איהם נישט געלאזט אויף די גראבע שטערונגען פון דער פאליציי. בעגייסט אויף די גאסען — האבען אויף איהם געמאכט א טיפען איינדרוק. „דעם טאג אין ווילנע וועל איך קיינמאל נישט פערגעסען, דאס איז נישט קיין באנקעט-פראזע" — האט ער פערצייכנט אין זיין טאג-בוך.

קיין פראקטישע פאלגען האבען הערצעלס אונטערהאנדלונגען מיט פלעווען נישט געהאט. איבער ביידען האט שוין געשוועבט דער טויט. דעם 20. יולי, 1904, איז הערצעל פריהצייטיג געשטארבען פון א הארץ-אטאקע. און ווייניגער מיט א מאנאט שפעטער איז פלעווע אומגעקומען פון דער באמבע, וואס עס האט אויף איהם געווארפען דער רעוואלוציאנער סאזאנאף.

אכטונג, עקסקורסאנטען קיין ארץ-ישראל

מיר ווארנען אייך זיך נישט אריינצולאזען בנוגע פאהרען קיין ארץ ישראל מיט פריוואט-מענשען, ווייל איהר קאנט פערלירען געלד און דערביי ליידען.

די געז. „תוצרת ארץ-ישראל"

דירעקציע:

(—) אלעקסאנדער יאפע

(—) ד"ר ע. מארגע.

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישע פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

ארטאפעדישער אנשטאלט

גראטעזען, גארסעטען, ארטאפעדישע אפאראטען אלער ארט, לייכטע פלאטפוס-איינלאגען נאגען פיס-שמערצען אלס נאך גיפס-אבדרוק.

Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović

פיעטריקאווער 119, טעל. 231-81

ה' D. J.

ה' D. J. וועלכער האט זיך געווענדעט מיט א בריף אין רעדאקציע, ווערט געבעטען זיך צו מעלדען צווישען 10 – 12 בייטאג.

קליינע אנאנסען

1 זלאטי

אנאנס ביז 15 ווערטער

לאקאלען

צו פערמיטען צימערן מיט קיכען ווי אויך 2 צימערן און קיכען מיט וואסער, ליכט, אפגוס. זגערזשער 43/45 ביים ווירט. 3908

עס ווערט געזוכט א צימער אין צענטרום שטאט, מיט א בעזונדערן איינגאנג און מיט אלע בעקוועמליכקייטען פאר 2 יונגעליים. אפערטען אונטער „H." אין אדמיניסטראציע.

צו פערמיטען וואוינונגען: צימער און קיך ווי אויך א פראנט-געוועלב מיט 2 פענסטער. ערפאהרען ביים ווירט פאמארסקא 93.

פרייע פאסטענס

א קוואליפיצירטער אבערלאק-נייער (ין) און רעפערזירקע צו סוועטערס ווערט געברויכט קאמיענא 5, רעכטע אפיצינע, 3-טער שטאק. 3907

ס'ווערט געזוכט א גוטע פאדרענטשנע צו א שניידעריי. צו ערפאהרען זאוואדזקא 18, וו. 21.

נוימיג פון זאפארט א געהילף, וואס זאל קענען ראזירען און עטוואס שערען. ביי גראנעק, זשעלאנא 23. 3909

א קראפט-שפולער (ין) צו סוועטערס ווי אויך ארויסצונעמען צודאטען אויף א 10 מאשין. קענען זיך מעלדען ביי מ. פרענקעל, פולנאצנא 27. 3906

די ביורא פון ציידונגען פון Aleksander KLINGBEIL

ציגעל-גאס 22

פערסם'ט לאדז מיט דער היטלערישער פרעסע.

כירורגישער קאבינעט

Dra med. M. Kantora

איז געווארען איבערגעטראגען אויף זשעלאנא 5

טעל. 112-22

נעהמט אן פון 1–3 און פון 6-8 אוו.

רעטשניצע-פרייזען.

לעבער אויף דער מאשין

ווערען אנגענומען אויסצוגייען ביי ג. נארדמאן, שרודמיעסקא 8

רעטשניצע כראבראנא 4

רוג זגערזשער 87

נעהמט אן קראנקע פון א"ע ספעציאליטעטען

וויזיט 3 זל.

ווענעראלאגישער קאבינעט. 3371

רעטשניצע

זגערזשער 17

נעהמט אן קראנקע אין אלע ספעציאליטעטן

פון 9 פריה ביז 7 א זייגער אוונט.

וויזיט 3 זל.

דער גוט-בעקאנטער קינסטלערישער פאטאגראפישער אטעליער „Polonja"

11 יערזשעגא 11

(מספאר מיט'ן מראמחאי 3)

פיהרט אויס די נייעסטע קינסטלערישע אויפנאהמען צו פערקלענערטע פרייזען!

מיט אכטונג

„POLONJA"

11 Jerzego 11

wł. GUTERMAN.

שייטלען

מיט פאריזער שריגדן און פערטיגע שייטלען ווערען ערשטקל. און רעיעל אויסגעפיהרט אויך אנדולאציע און מאניקור

ביי קערש, סקווערנאווא 15

כירורגישער קאבינעט

Dr. Szreiber

איז נטווערען איבערגעטראגען אויף

Narutowicza № 9

tel. 122-95.

אפעראציעס, אפאטרונקעס, העלס זשילעקעס אז"ח

רעטשניצע-פרייזען.

נעהמט אן פון 2—3 נאכמ. און פון 7—8.30 אוו.

ווארנונג!

דערמיט ווארען איך די ג' קונדשאפט, אז ביים איינקויפען מאכין-אייל אדער ראלוויז אין דער פירמע

Parowa Fabryka Tureckiej Chałwy „Kairo"

właśc. A. Asz i L. Piestrzeniewicz,

Łódź, Andrzeja 80

איינצאהלען דעם געהעריגען בעטראג אויסשליסליך אין P. K. O. אויף אונזערן נומער 68 042. אנדערע איינצאהלונגען וועל איך נישט אנערקענען און וועל גערייכטליך פאדערן נאכמאלס 50% פון בעטראג.

ABRAM ASZ

מיטאינהאבער פון די אויבען ערמאנטע פירמע. 3905

אכטונג

מיטגלידער ציידונגס-פערשפרייטער

(סעקציע פאמארסקא 15)

צוליב דעם, וואס אויף די פערוואלטונגס-זיצונגען איז נישט מעגליך צו ערלעדיגען די אלע ענינים פון אונזערע מיטגלידער, ווייל דאס שטערט צוליב דער קורצער צייט אונז די זיצונגס-ארבייט, האבען מיר דעריבער בעשלאסען, אז שוין פון היינט פון 8 ביז 9 א זייגער אין אווענד און אויך יעדען מיטוואך צו בעשטימען א ספעציעלע צוגאב-זיצונג, ספעציעל צו ערלעדיגען אלערליי פעראיינס-ענינים און סכסוכים.

בעמערקונג: צאהלט רעיעל, אין אייער אייגענעם אינטערעס. די ביטראגע פאר'ן פעראיין.

זונטאג, דעם 30/7 א מאסען-פערזאמלונג מיט א וועהר וויכטיגען פאר אונז טאג-ארדנונג. נישט נעמט און נישט פערשפרייט די דייטשע היטלערישע פרעסע, אויב איהר ווילט אויסמיידען קאנסעקווענצען.

ציידונגס-לעזער! איהר ווערט געבעטען אפצוצאהלען די חובות אייערע ציידונגס-פערשפרייטער, כדי זיי זאלען האבען מיט וואס צו בעצאהלען די רעדאקציעס און ציידונגס-קאנטארען.

מיט אכטונג די פערוואלטונג.

ווערקשטעל פון שירמס און שפאציר-שטעקענס

ס. פייגענבוים

לאדז, נארוטאוויטשא 19

עמפפעהלט אין א רייכען אויסוואהל פון קלירטע דאמען- און מענער-שירמס און שטעקענס צו קאנקורענץ-פרייזען.

נעהמט אן אלערליי רעפעראטורען פון שירמס און שטעקענס.

שלאסעריי-ארבייטען,

ווי אויך אויטאגענישע שווייסונגען מעטאל-בעארבייטונגען מאשינען-טיילען

פירט אוים ביליג

J. REDER, Łódź

קאנסטאנטינער 11/13.

כעמיש-באקטעריאלאגישער לאבאראטאריום

פ. שאץ

לאדז, פעטריקאווער 37.

טעל. 230-85

פיהרט אדורך זעמטליכע ערצטליכע אנאליזען פון אורין, בלוט, פלעגמע א.א.

אנ'ערנסטע געזעלשאפט

וויל פערגרעסערן איהר ביבליאטעק מיט ווערק פון יודאאיסטישען, עטנאגראפישען און לאנדקענטשאפטס כאראקטער אין דער יודישער, פוילישער און אנד. שפראכען.

אפערטען אין דער אדמיניסטראציע פון דער ציידונג אונטער „ביבליאטעק".

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער-שורה

פאר'ן טעקסט—8 גר. פרייטאג און ערב-יו"ט—24 גר. אין דער זייט שפאלטען

אין טעקסט—40 - - - - - -60 - - - - 4

נאכ'ן טעקסט—12 - - - - -18 - - - - -

אויסער דער שטאט 50 פראצ. טייערער, אויסלאנד 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א ווארט

נעקראלאגען—20 גר. א מ/מ (אין דער זייט שפאלטען) קליינע אנאנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס ווייטערדיגע ווארט — 10 גר.

אבאנאמענטס-פרייז: אין לאדז — 4 זלאטעס א חודש מיט אפטראגען א היים. אויף דער פראווינץ — 5 זל. א חודש; אין אויסלאנד 7 זל. אמעריקא—1 דאל.

פעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פרינציפיעל דעם אינהאלט פון דער אנאנס בערעכטיגען נישט צום איבערדרוקען די אנאנס אדער צוריקצוצאהלען פאר דעם אנאנס

פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסן איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך. די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg

Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman

Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.